בעזרת השם יתברך

קונטרס

# לשון קדשו

דברות קודש של כ"ק מרן אדמו"ר רבן של ישראל

רבינו **יואל טייטלבוים** זללה"ה

**אבדק"ק סאטמאר יע"א**

**וגאב"ד עיה"ק ירושלים תובב"א**

סעודה שלישית

## כי תצא תשכ"ז (חלק א)

**וְהָיָה בְּיוֹם הַנְחִילוֹ אֶת בָּנָיו**

• ביאור המדרש: שְׁתֵּי נָשִׁים. הָאַחַת אֲהוּבָה אלו האומות, שמראה להם פנים. וְהָאַחַת שְׂנוּאָה אלו ישראל, שמסתיר מהם פנים • לעתיד יתגלה לעין כל כי רק שומרי תורה ומצות הם בָּנָיו של מקום, וְהָאֲהוּבִים בעיני המקום • רמב"ם: אברהם אבינו סבל חירופין וגידופין מהעובדי ע"ז, וכן הדין לעשות לכבוד ה' • בזוהר הק': במלחמת גוג ומגוג ישתתפו עמהם פריצין יהודאין • מלחמת גוג ומגוג הוא להפסיק הדביקות של הקב"ה יתברך עִם ישראל, והציונים כבר הכינו והתחילו במלחמתם להעביר את ישראל מהתורה והאמונה • הציונים רוצים בגזירת ניתוחי מתים, בכדי לעקור ח"ו האמונה בהשארת הנפש • מי ששנוא בעיני הבריות עבור כי שנואין מעשה עשו בעיניו, אין זה גנות, רק כבוד ושבח • ענין החופה וקידושין שבין ישראל לאביהם שבשמים

**נעתקו בלשון אידיש**

**בהוספת ביאורים והערות**

**להבנת הענין**

שנת תשפ"ג לפ"ק

KolSatmar.com

יצא לאור ע״י **מערכת לשון קדשו**

**כל הזכיות שמורות ואיסור השגת גבול ידוע** Copyright ©

צו מנדב זיין רופט: **1-718-388-5519** | דורך קרעדיט קארד: **845-366-2793 #1700**



**לשון קדשו:** **929-522-1515**
ארץ ישראל: **072-3275205**
ענגלאנד: **0330-350-3110**
פעקס: **718-650-2970**
דרוק **1** דערנאך **280** צו הערן די **רעקארדינגס**. פאר הערות דרוק **3**

**קול אוצר יהודא** ברוקלין: **718-298-4641**
ארץ ישראל: **072-3333419**
**16→5→627.1**

# • ברכת מזל טוב •

הר״ר **אהרן מאנדעל** הי״ו
לנישואי בתו - עב״ג החתן **שמואל אלעזר** נ״י
בן הר״ר **יואל יושע ווייזער** הי״ו

הר״ר **יואל משה זילבערשטיין** הי״ו
לנישואי בתו - עב״ג החתן **מרדכי** נ״י
בן הר״ר **מענדל מאיר עסטרייכער** הי״ו

# • וְהֵם יַעֲלוּ לְזִכָּרוֹן •

לע״נ האי גאון וצדיק חו״פ, ממובחרי תלמידי רביה״ק זי״ע וממעתיקי שמועתו, ובשליחותו עמד לשרת בעיר מאנטריאל יצ״ו, והעמיד תלמידים לאלפים, עמוד צלותהון ואוהבן של ישראל, עושה חסד לאלפים, אביהם של יתומים ושבורי לב

## הגה״צ רבי **משה מנחם** בן הרה״ח רבי משה מנחם זצוק״ל **טירנויער**

**דומ״ץ ור״מ קהל יטב לב דסאטמאר מאנטריאל**
**נפטר ביום י״ד אלול תשפ״א**

הוא הגבר הוקם על אשר פקד עלינו לגשת אל העבודה ולעסוק בקדשים להוציא לאור הקונטרסים ״לשון קדשו״, ובכן לפרש ולבאר ולהפיץ דבריו הקדושים של רביה״ק זי״ע שיבואו רבים ויהנו מאור תורתו, וגם עבר בעצמו על הקונטרסים, והרבה פעמים האיר לנו עינים, וכל הזמן עמד ואמר לנו גַּדֵל, בצהלת ומאור פניו. וכן דרש ובקש מאנ״ש ותלמידיו לעמוד לימיננו שנוכל להמשיך בעבודת הקודש. זכותו הגדול יגן עלינו ועכ״י, ויהיה למליץ יושר בגנזי מרומים.

הרה״ח איש האשכולות, אשר רביה״ק זי״ע סמך עליו בהוצאות והדפסת ספריו הקדושים, ומצא בו איש אמונים לכתוב ולסדר ״תוכן הענינים״ לספה״ק ויואל משה, גם עסק הרבה בכתיבת חידו״ת בס״ג ובזכותו זכינו שלא נשתכחה

**רבי אלכסנדר סענדר ז״ל דייטש**
**ב״ר אברהם צבי ז״ל**
ראש הקהל ומנחל מוסדות סאטמאר - נפטר י״א אלול תשנ״ח

הרה״ח עוסק בצרכי ציבור באמונה, התמיד בלימוד גמרא ומשניות, ספרי חסידות וספרי רביה״ק זי״ע, שימש ת״ח בנאמנות, והרבה בעשיית צדקה וחסד בגופו ובממונו

**רבי צבי יודא ב״ר יוסף ז״ל וויינשטאק**
מגבאי כולל שומרי החומות - נפטר י׳ אלול תשפ״ב

**וזוגתו מרת ראכל סלאווא ב״ר יצחק ז״ל**
נפטרה כ״ה תשרי תשע״ח

לע״נ האשה החשובה והצנועה אשה יראת ה׳, זכתה להחיות נפש צדיק מרן רביה״ק זי״ע בהקמת בית חינוך לבנות בית אסתר במאנטריאל, ורבינו התאכסן וסעד בביתה

**מרת שרה ע״ה ב״ר אלעזר בערקאוויטש ז״ל**
(מתלמידי רביה״ק זי״ע באורשיווא)
**אשת הרה״ח ר׳ יהודה לייבוש קליינבערגער ז״ל**
נפטרה ז׳ אלול תשע״ה

לע״נ הרב החסיד הישיש

**רבי מרדכי ישראל ב״ר אברהם ז״ל**
**געלבמאן**
נפטר י״ב אלול תשע״א לפ״ק

לע״נ האשה החשובה **פאיה חיה** ע״ה ב״ר **שמואל הלוי** ז״ל אשת הרה״ח ר׳ **שלום סאנדל** הי״ו - נפטרה י״א אלול תשפ״א

קרן חיה רויזא
לע״נ הרבניה הצדיקת
חיה רויזא
טייטלבוים ז״ל
בת כ״ק מרן רביה״ק זצוק״ל

KolSatmar.com

יז

# קושיות ודקדוקים בפרשת כִּי תִהְיֶיןָ לְאִישׁ

תיכף דערנאָך [לאחר ענין יְפַת תֹּאַר], דערנעבן זאָגט די תורה הקדושה, נאָך די פרשה פון יְפַת תֹּאַר שטייט דערנאָך כִּי תִהְיֶיןָ לְאִישׁ שְׁתֵּי נָשִׁים הָאַחַת אֲהוּבָה וְהָאַחַת שְׂנוּאָה וגו׳, וְהָיָה הַבֵּן הַבְּכֹר לַשְּׂנִיאָה וגו׳, לֹא יוּכַל לְבַכֵּר אֶת בֶּן הָאֲהוּבָה וגו׳ לָתֶת לוֹ פִּי שְׁנַיִם וגו׳, [כִּי הוּא רֵאשִׁית אֹנוֹ] לוֹ מִשְׁפַּט הַבְּכֹרָה.

יח

ברש״י: אם נשא יפת תואר, סופו להיות שונאה, שנאמר אחריו כִּי תִהְיֶיןָ לְאִישׁ וגו׳, וסופו להוליד ממנה בן סורר ומורה, לכך נסמכו פרשיות הללו

זאָגט רש״י[א] – ס׳איז אויך אַ מימרא אין די גמרא[ב], אויך אַ מאמר חכמינו ז״ל[ג] – [לפרש] דאָס סמיכות פון די דריי מימרות[ד], [ווייל] אַז דו נעמסט אַ יְפַת תֹּאַר סופך לשנאותה, וועט זיין הָאַחַת אֲהוּבָה וגו׳, וועסטו האָבן אַ שְׂנוּאָה, און ווידעראום וועט נאָכקומען אַ בֶּן סוֹרֵר וּמוֹרֶה, דאָס איז דעס סמיכות פון די דריי מימרות.

אַזוי זאָגן חכמינו ז״ל, [און] רש״י ברענגט דאָך עס אויך צי.

יט

קושיא ז

לפי זה משמע מסמיכות הפרשיות דפירוש שְׂנוּאָה הוא כפשוטו, ששנואה בעיני בעלה

ז) לכאורה ברויך מען פאַרשטיין.

[שהרי] לפי זה [משמע כי] שְׁתֵּי נָשִׁים הָאַחַת אֲהוּבָה וְהָאַחַת שְׂנוּאָה, מיינט מען פשוט שְׂנוּאָה, ער האָט זי באַקומען פיינט, אַזוי ווי ער זאָגט סופך לשנאותה.

כ

אולם בגמרא הקשו וכי יש נפקא מינה לענין פי שנים בבכור, אם אמו שנואה בעיני בעלה, או אהובה. ולכן פירשו דהכוונה ששנואה בנישואיה, והיינו דמיירי במי שנשא חייבי לאוין, ומזה ילפינן ההלכה דקידושין תופסין בחייבי לאוין

[ועל זה קשה שהרי] די גמרא אין קידושין דף ס״ח[ה] לערנט אַרויס פון דאַנעט אַן הֲלָכָה[ו], [כִּי תִהְיֶיןָ לְאִישׁ] שְׁתֵּי נָשִׁים הָאַחַת אֲהוּבָה וְהָאַחַת שְׂנוּאָה, תֹּאמַר וועסטו מיינען

---

[א] ברש״י (כא, יא): וְלָקַחְתָּ לְךָ לְאִשָּׁה. לא דברה תורה אלא כנגד יצר הרע, שאם אין הקב״ה מתירה ישאנה באיסור. אבל אם נשאה, סופו להיות שונאה, שנאמר אחריו כִּי תִהְיֶיןָ לְאִישׁ וגו׳, וסופו להוליד ממנה בן סורר ומורה, לכך נסמכו פרשיות הללו.

[ב] בגמרא סנהדרין (קז.). והובא לשון הגמרא לקמן בהערה כ.

[ג] בתנחומא (סימן א): כִּי תֵצֵא לַמִּלְחָמָה, שנו רבותינו (אבות ד, ב) מצוה גוררת מצוה ועבירה גוררת עבירה. וְרָאִיתָ בַּשִּׁבְיָה וגו׳ וְגִלְּחָה אֶת רֹאשָׁהּ וְעָשְׂתָה אֶת צִפָּרְנֶיהָ, כדי שלא תמצא חן בעיניך. מה כתיב בתריה, כִּי תִהְיֶיןָ לְאִישׁ שְׁתֵּי נָשִׁים וגו׳ שתים בבית מריבה בבית, ולא עוד [אלא] אַחַת אֲהוּבָה וְאַחַת שְׂנוּאָה, או שתיהן שנואות. מה כתיב אחריו, כִּי יִהְיֶה לְאִישׁ בֵּן סוֹרֵר וּמוֹרֶה, כל מאן דנסיב יפת תאר נפיק מנייהו בן סורר ומורה, שכן כתוב בדוד, על שחמד מַעֲכָה בַּת תַּלְמַי מֶלֶךְ גְּשׁוּר בצאתו למלחמה יצא ממנו אַבְשָׁלוֹם שבקש להרגו וכו׳ ועל ידו נהרגו מישראל כמה רבבות, ועשה מחלוקת בישראל, ונהרג שִׁמְעִי בֶּן גֵּרָא וְשֶׁבַע בֶּן בִּכְרִי וַאֲחִיתֹפֶל, וְלִמְפִיבֹשֶׁת וּלְאִישׁ בֹּשֶׁת הָרַג, והשליט צִיבָא על כל בית שאול וכו׳ [ועיי״ש עוד, ולקמן בהערה כ]. הרי למדנו שמצוה גוררת מצוה ועבירה גוררת עבירה, לפיכך נסמכו פרשיות אלו זו לזו. [וכן הוא בילקוט שמעוני (רמז תתקכה) ובתנחומא ישן עיי״ש].

[ד] היינו הפרשיות שבתורה.

[ה] בגמרא קידושין (סח.): רב אחא בר יעקב אמר, אתיא בקל וחומר מיבמה [פירש״י: אתיא שאר עריות בקל וחומר מיבמה לשוק שאין קידושין תופסין בה, כדאמר רב ביבמות (יג:) מנין שאין קידושין תופסין ביבמה, דכתיב (בפרשתן כה, ה) לא תהיה אשת המת החוצה, לא תהא בה הויה לזר], ומה יבמה שהיא בלאו לא תפסי בה קידושין, חייבי מיתות וחייבי כריתות לא כל שכן. אי הכי שאר חייבי לאוין נמי [נהי דלא אתי בקל וחומר, נייתי בבנין אב, במה מצינו ביבמה שהיא

KolSatmar.com

אהובה ממש און שנואה ממש, כנגד המקום, מאי איכפת ליה בשנואת הבעל ואהובת הבעל, וואָס מאַכט דאָס עפּעס אַ רושם [למעלה, לענין דין נחלת הבכור].

[אַזוי] זאָגט **רש״י** פְּשַׁט דאָרט אין די גמרא [וכי יש שנואה] **לגבי המקום**, אַקעגן דער הלכה פון בְּכוֹרָה [שנוטל פי שנים] איז עפּעס אַ הוה אמינא אַז ס׳זאָל זיין אַ נפקא מינה צי [ס׳איז] **שְׂנוּאָה בבעל, צי ס׳איז אֲהוּבָה בבעל**. [ולזה הקשו בגמרא] **אַז הקדוש ברוך הוא זאָגט אַז ס׳קומט די בְּכוֹרָה** [פי שנים להבכור], **וואָס זאָל זיין גאָר אַ הוה אמינא** [שאם הבכור הוא בן השנואה, ישתנה ההלכה].

אלא מאי דרינגט זיך אויף די גמרא, מוז דאָס זיין **ששנואה בנישואיה**, ס׳איז **חייבי לאוין**. אֲהוּבָה מיינט מען זי איז כְּשֵׁרָה [בנישואיה], און דעס איז געווען אַ לַאו, אַן איסור לַאו געווען בנישואיה, ׳דאָס׳ איז טייטש שְׂנוּאָה, [אַז זי איז] **שנואה בעיני המקום**.

**כא**

[און] **פון דעם דרינגט זיך די גמרא אויף, אַז קידושין תופסין בחייבי לאוין.**

פון דאַנעט איז געדרינגען די הֲלָכָה, אויף עטליכע פלעצער אין די גמרא [שטייט] **אַז קידושין תופסין בחייבי לאוין**, און מ׳דרינגט זיך אויף פון ׳דער׳ גמרא [מהך דרשה שבפסוק זה].

**כב**

ואם כן מוכח מהגמרא דאין לפרש הכוונה כפשוטו, ששנואה בעיני בעלה.

וזה לכאורה נגד משמעות המדרש ורש״י דמיירי בששנואה בעיני בעלה

זעט מען דאָך אַז איך קען גאָרנישט טייטשן **שְׂנוּאָה לפי פשוטו**, וואָרן ווען איך זאָל קאָנען טייטשן **לפי פשוטו**, איז דאָך נישט געדרינגען **די הלכה, אַז קידושין תופסין בחייבי לאוין**.

און דאָ שטייט אין אַלע מאמרים, אין אַלע **מדרשים** און אין **רש״י**, אַז דאָס מיינט מען כפשוטו, [שהיא] **שְׂנוּאָה** [בעיני בעלה, וכמו שדרשו כי] דעס איז דאָס סמיכות [הפרשיות, וויבל] אַז דו וועסט נעמען אַ יְפַת תֹּאַר וועסטו האָבן אַ שְׂנוּאָה, מיינט מען דאָך ס׳איז שְׂנוּאָה [כפשוטו, שהרי יפת תואר], דאָס איז דאָך נישט **שנואה ׳בנשואיה׳**, וואָרן ס׳איז דאָך אַ הֶיתֵּר, מ׳האָט דאָך דאָס מַתִּיר געווען, ס׳איז נישט קיין **שנואה בנשואיה**, דאָס איז דאָך נישט ׳דער׳ פאַל, ס׳איז דאָך גאָר נישט דעס, וואָרן פון יְפַת תֹּאַר איז דאָך נישט געדרינגען אַז קידושין תופסין בחייבי לאוין [כי היא עצמה אינה בכלל חייבי לאוין].

---

בלאו ואין קידושין תופסין בה, אף כל שהוא בלאו אין קידושין תופסין בה], **אמר רב פפא חייבי לאוין בהדיא כתיב בהו** [דתפסו], **כִּי תִהְיֶיןָ לְאִישׁ שְׁתֵּי נָשִׁים הָאַחַת אֲהוּבָה וְהָאַחַת שְׂנוּאָה, וכי יש שנואה לפני המקום ואהובה לפני המקום** [כלומר וכי אהבתו או שנאתו של בעל חשובה לפני המקום לשנות דין הנחלה בשבילה, שהוצרך הכתוב לכתוב לֹא יוּכַל לְבַכֵּר אֶת בֶּן הָאֲהוּבָה, לא הוה ליה למיכתב אלא כִּי אֶת הַבְּכֹר יַכִּיר, ואנא ידענא לא שנא אמו אהובה ולא שנא אמו שנואה], **אלא אֲהוּבָה אהובה בנישואיה, שְׂנוּאָה שנואה בנישואיה** [שנישואיה שנואים לפני המקום, כגון חייבי לאוין], **וקאמר רחמנא כִּי תִהְיֶיןָ** [אלמא אית בהו הויה].

וכן הוא גַּם בגמרא יבמות (כג.): **אמר רב פפא חייבי לאוין תפשי בהו קדושין, דכתיב כִּי תִהְיֶיןָ לְאִישׁ שְׁתֵּי נָשִׁים הָאַחַת אֲהוּבָה וְהָאַחַת שְׂנוּאָה, וכי יש אהובה לפני המקום ויש שנואה לפני המקום** [צורך היה לו להזכיר שאם זה היה אוהב את זו ושונא את זו אין הבכורה משתנה בכך, פשיטא, שאם זה שונאה אין המקום שונאה], **אלא אֲהוּבָה אהובה בנישואיה, שְׂנוּאָה שנואה בנישואיה** [בעבירה], **ואמר רחמנא כִּי תִהְיֶיןָ** [דאית בהו הויה].

[י] דקידושין תופסין בחיי לאוין, כדלהלן בהמשך. וכן נפסק בשלחן ערוך (אה״ע מד, ז).

KolSatmar.com

און דערנאָך [שמא תאמר שמזה ילמדו להתיר חייבי לאוין], קען מען דען זאָגן אַז דורכדעם וועט מען נעמען חייבי לאוין, דורכדעם ווייל מ'טוט דאָס, [והלא כאן היא היתר ולא איסור, ועוד שהרי] דאָס שטייט שוין נישט אין די גמרא.

כג

קושיא ח

בבעל הטורים מביא מדרש: כִּי תִהְיֶיןָ לְאִישׁ זה הקב"ה, שְׁתֵּי נָשִׁים. הָאַחַת אֲהוּבָה אלו האומות, שמראה להם פנים. וְהָאַחַת שְׂנוּאָה אלו ישראל, שמסתיר מהם פנים. וְהָיָה בְּיוֹם הַנְחִילוֹ אֶת בָּנָיו, לעתיד לבא. לֹא יוּכַל לְבַכֵּר, כי אם בני בכורי ישראל

דער **בעל הטורים** ברענגט דאָ אַ מדרש נפלא.

ברענגט ער[ז], ס'שטייט אין מדרש, **כִּי תִהְיֶיןָ לְאִישׁ, זה הקדוש ברוך הוא**, שנאמר (בשלח טו, ג) ה' אִישׁ מִלְחָמָה[ח]. **שְׁתֵּי נָשִׁים**, אומות העולם וישראל, [הָאַחַת אֲהוּבָה אלו אומות העולם], **אומות העולם זענען אֲהוּבָה**, שהקדוש ברוך הוא מראה להם פנים של אַהֲבָה, **וְהָאַחַת שְׂנוּאָה זה ישראל**, שהקדוש ברוך הוא מראה להם פנים של שִׂנְאָה.

**וְהָיָה בְּיוֹם הַנְחִילוֹ אֶת בָּנָיו** לעתיד [לבא], **לֹא יוּכַל לְבַכֵּר אֶת בֶּן הָאֲהוּבָה עַל פְּנֵי בֶן הַשְּׂנוּאָה הַבְּכֹר, כִּי הַבְּכֹר בֶּן הַשְּׂנוּאָה** [יַכִּיר], אמר הקדוש ברוך הוא **בְּנִי בְכֹרִי יִשְׂרָאֵל** (שמות ד, כב), פאַר זיי וועט קומען די בכורה.

אַזוי ברענגט דער **בעל הטורים** פון אַ מדרש.

כד

ודברי המדרש תמוהין, חדא מה שדורש הָאַחַת אֲהוּבָה על האומות העולם

ס'איז אינגאַנצן אַן עִנְיָן נִפְלָא.

ח) קודם וואָס ער רופט אָן [די אומות העולם] **אֲהוּבָה**.

כה

אלא שיש לפרש דקאי על הנדמה לעיני בשר, כי האומות הם שלוים ושקטים, וישראל הם רדופים ומעונים בגולה

קאָן זיין ווייל דער 'דִּמְיוֹן' איז אַזוי [שכך נדמה לעיני העולם, ולכן] 'אויפן דִּמְיוֹן אַרויף' רופט ער אָן די אומות העולם זענען **אֲהוּבִים**, און חס ושלום עפּעס אַזאַ נאָמען אויף די אידן, **שְׂנוּאָה**. [אמנם להלן נבאר עוד בזה בתוספות ביאור, להבין כוונת דברי המדרש].

כו

קושיא ט

ועוד קשה האיך מכנה להאומות העולם כביכול בלשון נישואין ואישות. ובשלמא בישראל מצינו לשונות כאלה בכמה מקומות, וגם פרטי עניני חופה וקידושין, אבל באומות מאן דכר שמיה לקרותן בלשון אישות

ט) [און] וואָס איז דער **כִּי תִהְיֶיןָ לְאִישׁ שְׁתֵּי נָשִׁים**, וואָס עפּעס שְׁתֵּי 'נָשִׁים', די **אומות העולם** ווערן אָנגערופן [בלשון חיבה כאשה]?

כז

מילא [ביי] **אידן** שטייט כמה מאמרי חכמינו ז"ל אויף דעם, אַז ס'איז געווען אַזוי ווי אַ **חופה** מיט **נישואין** [בין הקב"ה לישראל], אַזוי ווי זיי טייטשן דאָך [בספרי קודש].

[דיש בחינת אירוסין, וכדכתיב] (הושע ב, כא) **וְאֵרַשְׂתִּיךְ לִי לְעוֹלָם**, [וכמו שייסד הפייטן (בזמר קל מסתתר) כְּנֶסֶת יִשְׂרָאֵל] **כַּלָּה קְרוּאָה בִּנְעִימָה**. [ויש בחינת נישואין].

---

[ז] **בבעל הטורים** (כא, יד): במדרש דורש, [כִּי תִהְיֶיןָ] לְאִישׁ זה הקדוש ברוך הוא. אֲהוּבָה אלו האומות, שמראה להם פנים. שְׂנוּאָה אלו ישראל, שמסתיר מהם פנים. בְּיוֹם הַנְחִילוֹ, לעתיד לבא. לֹא יְבַכֵּר, כי אם בְּנִי בְכֹרִי יִשְׂרָאֵל.

[ח] כן הוא בכמה מקומות בדברי חכז"ל.

KolSatmar.com

### כח

**ווי דער הפלאה אין** [ספר] **מקנה** (על מסכת קידושין) **אין די הקדמה**[ט]**, איז מאריך דאָרטן** [לבאר] **וועלעכס איז געווען די קידושין** [שבין ישראל לאביהם שבשמים, און וועלכעס איז די נישואין, וכדכתיב] **בְּיוֹם חֲתֻנָּתוֹ וּבְיוֹם שִׂמְחַת לִבּוֹ** [שהם אירוסין ונישואין]**. איינער זאָגט דער רכוש גדול איז געווען דער כסף קידושין, און איינער זאָגט אַז כפה עליהם הר כגיגית** [היה ענין החופה]**.**

**און דער מהרש"א**[י] **ברענגט דעם מדרש**[יא] **אַז די חוּפָּה איז געווען ווען מ'איז אַריינגעגאַנגען אין מִשְׁכָּן,** [וכמו שאמרו] **בְּיוֹם חֲתֻנָּתוֹ זה מתן תורה, וּבְיוֹם שִׂמְחַת לִבּוֹ זה המשכן.**

**און דער הפלאה ברענגט ראיות אַז דער כפה הר כגיגית איז געווען במקום פון**

---

[ט] **בפיתחא זעירא לספר המקנה** (אות א)**: אמנם בענין החופה וקידושין נחלקו המפרשים, יש אומרים שהקדושין היו במה שהוציאנו מכור הברזל ברכוש גדול וכו', דהיינו ביזת מצרים וביזת הים וכו'. ויש אומרים שהקדושין היו בלוחות הברית במעמד הר סיני וכו'. ונראה ששניהם אמת וכו' אלא העיקר הוא שהיו הקדושין בביזת מצרים ובביזת הים, אלא שהיה הקדושין בתנאי על מנת לקבל את התורה, כמו שכתוב** (שמות ג, יב) **בְּהוֹצִיאֲךָ אֶת הָעָם מִמִּצְרַיִם תַּעַבְדוּן אֶת הָאֱלֹקִים וגו'.**

ועוד שם (אות ג)**: גם בענין החופה והנשואין נחלקו המפרשים, יש אומרים שהיה על ידי שכפה עליהם ההר כגיגית וכו', ומהרש"א ז"ל כתב שם דהחופה היה על ידי יחוד השכינה במשכן.** ולכאורה נראה דעל כרחך היו הנישואין בכפיית הר סיני, שהרי אמרו חז"ל בפרשת כי תשא בפסוק וַיַּשְׁקְ אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל (לב, כ) שנתכוון לבודקן כסוטות, ואם נימא שלא היו הנישואין עד ייחוד המשכן, הא קיימא לן דארוסות לא שותות כדאיתא לקמן (בגמרא קידושין) דף כ"ז ע"ב, תַּחַת אִישֵׁךְ אמר רחמנא. אך נראה דהא קשה לפי מה שדרשו חז"ל (בבא בתרא יד:) אֲשֶׁר שִׁבַּרְתָּ (תשא לד, א. עקב י, ב), יישר כחך ששברת, שעשאן כפנויה, אם כן הרי נתבטל אפילו האירוסין. ונראה דבאמת אמרו בשבת דף פ"ז שיבר את הלוחות והסכים הקב"ה על ידו, מאי דרש, אמר מה פסח שהוא אחד מתרי"ג מצות וכו' ומנלן דהסכים הקב"ה על ידו, שנאמר אֲשֶׁר שִׁבַּרְתָּ יישר כחך ששברת, משמע דכוונת משה רבינו ע"ה לא היה לעשותן כפנויה. והטעם על זה כתבנו בחידושי תורה (פנים יפות תשא לב, יט-כ) דסבר משה כסברת רב הונא (בגמרא קידושין) בדף ה' דחופה קונה מקל וחומר, אם כן כיון שכפה עליהם ההר כגיגית, כבר היה קדושין גמורים על ידי החופה, וממילא דהוי נמי נישואין גמורים כמו שכתב מהרש"א ז"ל. דרב הונא יליף דחופה קונה וגומר, לכך השקה אותם כדין נשואה. והטעם בזה, אף דלא קיימא לן כרב הונא דחופה קונה מק"ו, היינו משום דפריך התם מה לצד השוה שכן ישנו בעל כרחה תאמר בחופה שאינו בעל כרחה, וכיון דהוי סבר דהחופה היה במה שכפה עליהם ההר כגיגית אף שלא היה מדעת ישראל, כמו שאמרו חז"ל (שבת פח.) אם תקבלו את התורה מוטב ואם לאו וכו', הרי גם החופה הוא בעל כרחם, וליכא למפרך, שפיר הוי סבר דקונה וגומר. [ועיי"ש עוד ביאור כמה ענינים באורך].

[י] **במהרש"א כתובות** (ז:)**: פירוש ברכת אירוסין, אֲשֶׁר קִדְּשָׁנוּ בְּמִצְוֹתָיו וְצִוָּנוּ עַל הָעֲרָיוֹת כו'.** נתקנה על פי מה שאמרו (ברש"י ריש קדושים) קְדֹשִׁים תִּהְיוּ, כל מקום שאתה מוצא גדר ערוה אתה מוצא קדושה כו', וזה שאמר אֲשֶׁר קִדְּשָׁנוּ בְּמִצְוֹתָיו וְצִוָּנוּ עַל הָעֲרָיוֹת אפילו היא פנויה, ומגדר עריות אסר לנו גם הארוסות שאינן עריות, כמו שאמרו (מסכת כלה פ"א) כלה בלא ברכה אסורה לבעלה כנדה, ולא התיר לנו אלא הַנְּשׂוּאוֹת לָנוּ שאינן ערוה, וזה דוקא עַל יְדֵי חוּפָּה, וְקִדּוּשִׁין שכבר. ומסיים בה דבכל זה מְקַדֵּשׁ עַמּוֹ [יִשְׂרָאֵל עַל יְדֵי חוּפָּה וְקִדּוּשִׁין] כו', בגדר הערוה. ○ אי נמי שיש לפרש דמסיים בה הכי, על פי שכתוב בכמה דוכתין דמיון ישראל לגבי הקב"ה כאשה לבעלה, וזה שאמר דהוא מְקַדֵּשׁ לו גם כן עַמּוֹ יִשְׂרָאֵל בדוגמא זו, בקדושין שהיא נתינת התורה, כמו שאמרו (ברכות נז.) אל תקרי מוֹרָשָׁה אלא מאורסה, ובחופה הוא יחוד שכינתו במקדש עִמָּנוּ, וכמו שדרשו בְּיוֹם חֲתֻנָּתוֹ זה מתן תורה, וּבְיוֹם שִׂמְחַת לִבּוֹ זה יום שנתחנך המשכן, ודו"ק.

[יא] **בויקרא רבה** (כ, י) **ובמדבר רבה** (ב, כה)**: הדא הוא דכתיב בְּיוֹם חֲתֻנָּתוֹ וּבְיוֹם שִׂמְחַת לִבּוֹ, בְּיוֹם חֲתֻנָּתוֹ זה הר סיני, וּבְיוֹם שִׂמְחַת לִבּוֹ זה אהל מועד.**

**ובמשנה תענית** (כו:)**: וכן הוא אומר** (שיר השירים ג, יא) **צְאֶנָה וּרְאֶינָה בְּנוֹת צִיּוֹן בַּמֶּלֶךְ שְׁלֹמֹה בָּעֲטָרָה שֶׁעִטְּרָה לּוֹ אִמּוֹ בְּיוֹם חֲתֻנָּתוֹ וּבְיוֹם שִׂמְחַת לִבּוֹ, בְּיוֹם חֲתֻנָּתוֹ זה מתן תורה, וּבְיוֹם שִׂמְחַת לִבּוֹ זה בנין בית המקדש שיבנה במהרה.**

[ועיין עוד בבמדבר רבה (יב, ח)**: ביום חתונתו זה סיני, חיתונין היו, שנאמר** (יתרו יט, י) **'וְקִדַּשְׁתָּם' הַיּוֹם וּמָחָר. וּבְיוֹם שִׂמְחַת לִבּוֹ זה מתן תורה, שנאמר** (תשא לא, א) **וַיִּתֵּן אֶל מֹשֶׁה כְּכַלֹּתוֹ וגו' 'כְּכַלָּתוֹ' כתיב. ○ דבר אחר בְּיוֹם חֲתֻנָּתוֹ זה אהל מועד, וּבְיוֹם שִׂמְחַת לִבּוֹ זה בית העולמים, ומנין לאהל מועד שחיתונין היו, דכתיב** (שם) **בְּיוֹם כַּלּוֹת מֹשֶׁה לְהָקִים אֶת הַמִּשְׁכָּן, כַּלַּת כתיב, ביומא דעלת כלתא לגננא**].

KolSatmar.com

**די חוּפָּה.** [ובזה מיישב ההפלאה מה שמברכין בברכת אירוסין מְקַדֵּשׁ עַמּוֹ יִשְׂרָאֵל עַל יְדֵי 'חוּפָּה וְקִדּוּשִׁין', דאף שקידושין קודמין לחופה, מכל מקום רומזין על חופה וקידושין של כנסת ישראל, ששם קדמה חופה לקידושין, לפי פירושו דחופה היא כפיית ההר כגגית, עיי"ש באורך].

## כט

**דער מהרש"א זאָגט דאָך אויכעט' אַז מְקַדֵּשׁ עַמּוֹ יִשְׂרָאֵל עַל יְדֵי חוּפָּה 'וְקִדּוּשִׁין'** (חתימת ברכת אירוסין, בגמרא כתובות ז:), **מיינט מען מיט די תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה.**

[ועל זה מוסיף ההפלאה][יב] **אַז אויפן הַר סִינַי** [אַליין] **האָט דער בורא כל עולמים מְקַדֵּשׁ געווען מיט חוּפָּה וְקִדּוּשִׁין,** [שגם החופה היה במעמד הר סיני, ולכן מקדימין לומר חופה ואחר כך קידושין, כי שניהם היו במעמד אחד, וכעין מנהגינו כהיום[יג] שמקדשין תחת החופה][יד].

## ל

[אָבער] **דאָס איז געווען** [נאָר] **ביי אידן,** [אבל באומות העולם] **ווען זענען עפּעס גוים נִתְקַדֵּשׁ געוואָרן, די אומות העולם זענען געוואָרן** [נקרא נשים, עד שדרשו הפסוק] **כִּי תִהְיֶיןָ לְאִישׁ שְׁתֵּי 'נָשִׁים' הָאַחַת אֲהוּבָה,** [אַז] **זיי זענען אויך אָנגערופן געוואָרן** [בכינוי אשה]**? ס'איז אויך געווען עפּעס, צי נִשׂוּאִין צי אפילו אֵרוּסִין?**

[ואם היא בשביל הדמיון שיאמרו בני אדם ככה, גם כן תמוה] **איך זאָל זאָגן אַליין, וואו געפינט מען דאָס ערגעץ. ער רופט אָן די אומות העולם כִּי תִהְיֶיןָ לְאִישׁ שְׁתֵּי 'נָשִׁים', ס'איז גאָר צוויי נשים געוואָרן, די אוּמּוֹת הָעוֹלָם און אידן.**

## לא
### סיום הענין – לקושיא ז-ט

[נאָר] **מילא** [דברי המדרש בבעל הטורים] **דאָס איז אַ דְּרַשׁ,** [דאָס] **קומט דאָך נישט צו דעם דער מאמר חכמינו ז"ל** [בגמרא קידושין] **לְפִי פְּשׁוּטוֹ, אַז איך דרינג מיר אויף אַז קידושין תופסין בחייבי לאוין.**

[אָדער] **צי די מאמרים וואָס ער זאָגט אַז ס'קומט פון יְפַת תֹּאַר** [שסופו לשנאותה]**, איז ווידער אַן אַנדערע מימרא.** [אמנם ראוי לבאר] **דאָס אַלעס אויסצופאָרן.**

**נאָר דְּרָשׁוֹת האָט דאָך קיין שִׁיעוּר נישט. נאָר על כל פנים דאַרף עפּעס האָבן דאָס עִנְיָן אַ שטיקל הֶסְבֵּר.**

---

[יב] **בספר הפלאה** כתובות (שם)**: מְקַדֵּשׁ אֶת עַמּוֹ יִשְׂרָאֵל עַל יְדֵי חוּפָּה וְקִדּוּשִׁין. כתב מהרש"א ז"ל בחדושי אגדות** דקאי על מתן תורה שהם קידושין לישראל כמו שאמרו חז"ל בפסוק תּוֹרָה צִוָּה לָנוּ מֹשֶׁה מוֹרָשָׁה (ברכה לג, ד)**, אל** תקרי מורשה אלא מאורסה. **והחופה כתב הוא ז"ל** דהוא השראת שכינה במשכן**, ובספרים אחרים ראיתי** דמעמד הר סיני דכתיב (יתרו יט, יז) וַיִּתְיַצְּבוּ בְּתַחְתִּית הָהָר**, מלמד שכפה עליהם ההר כגיגית** (שבת פח.) **הוא ממש** ענין יחוד החופה. **ובזה שייך לשון חופה וקדושין** [שמקדימין חופה לקידושין]**, שכתבו המפרשים** (עיין להלן בהערה יג) **היינו במקום שהקידושין נעשים תחת החופה, וכן היה במעמד הר סיני, שקבלו התורה בעמדם תחת הר סיני.** [ועיי"ש עוד].

[יג] **והוא על דרך שכתב המרדכי** (פ"ק דכתובות סימן קלב, והובא בדרישה אה"ע לד ב, וסה א) **בטעם לשון 'חוּפָּה וְקִדּוּשִׁין',** דלמנהגינו כהיום אתי שפיר כיון שמקדשין תחת החופה. **אלא שההפלאה** כתב כן על פי דרכו לענין הקידושין דמתן תורה שהיה תחת ההר.

[יד] **ועיין עוד בהקדמת שו"ת בית אפרים** (חלק אה"ע) מה שדן בדברי המהרש"א וההפלאה, וכתב הוא לבאר בטעם אמירת 'חוּפָּה וְקִדּוּשִׁין', כי כן היה במתן תורה [שעל זה קאי הלשון מְקַדֵּשׁ עַמּוֹ יִשְׂרָאֵל], דִּלְאַחַר שנתשתברו הַלּוּחוֹת שוב נמצא שהיה חופה ואח"כ קידושין במתן תורה, עיי"ש באורך.

KolSatmar.com

לב

## קושיות ודקדוקים בפרשת בֵּן סוֹרֵר וּמוֹרֶה

די דריטע מימרא (פרשה ג׳ שבפרשתן) וואָס כ׳האָב געזאָגט[טו] צום המשך [סמיכות הפרשיות], איז די פרשה פון בֵּן סוֹרֵר וּמוֹרֶה.

לג

איך האָב שוין אַסאַך מאָל גערעדט פון דעם, [וואָס] די גמרא זאָגט[טז] בֵּן סוֹרֵר וּמוֹרֶה לֹא הָיָה וְלֹא נִבְרָא, אלא דְּרוֹשׁ וקבל שכר.

לד

איך האָב שוין געזאָגט אַמאָל[יז] [דלכאורה קשה על מה שדרשו כאן הסמיכות, שהרי] וואָס דען, דאָס ברויך צו שטיין [ערגעץ, עבור עצם המצוה של דיני בן סורר ומורה, ואיזה שינוי יש כאן לדרוש בו סמוכין. וביארתי] ווייל די פרשה ווערט מקויים [רק בקריאה, ואמרו חכז"ל][יח] 'דין' ארבע מיתות בית דין לֹא בָטְלָה, כאָטש ווען מ׳קען נישט [לקיים במעשה, כי אביו ואמו לא יבואוהו לבית דין, אבל מכל מקום בדין שלמעלה הוא מתקיים, און] די גמרא זאָגט דאָך לא היה ולא נברא דערויף, און ס׳איז גאָרנישט מעגליך [שיהיה מציאות של בן סורר ומורה, ולא היה צורך להכתב כלל, ועל כן שפיר דרשו בו הסמיכות].

לה

נאָר דער רבינו בחיי זאָגט גאָר[יט] [בטעם הסמיכות, אַז] דאָס מיינט מען אַבְשָׁלוֹם׳ן טאַקע, [שהרי] אַבְשָׁלוֹם זעט דאָך אויס אין די גמרא[כ] איז אַרויסגעקומען ווייל ס׳איז

---

[טו] לעיל באות יח.

[טז] בגמרא סנהדרין (עא.): תניא נמי הכי, רבי יהודה אומר אם לא היתה אמו שוה לאביו בקול ובמראה ובקומה, אינו נעשה בן סורר ומורה וכו׳. כמאן אזלא הא דתניא בן סורר ומורה לא היה ולא עתיד להיות, ולמה נכתב, דְּרוֹשׁ וקבל שכר, כמאן כרבי יהודה. איבעית אימא רבי שמעון היא, דתניא אמר רבי שמעון וכי מפני שאכל זה תרטימר בשר ושתה חצי לוג יין האיטלקי, אביו ואמו מוציאין אותו לסקלו? אלא לא היה ולא עתיד להיות, ולמה נכתב, דְּרוֹשׁ וקבל שכר. ○ אמר רבי יונתן אני ראיתיו וישבתי על קברו.

[יז] עיין כעין זה ובהוספות, בס"ג כי תצא תשי"ז, תשכ"ה, ותשכ"ו.

[יח] כמבואר בגמרא כתובות (דף ל) וסוטה (ח:) וסנהדרין (לז:): אמר רב יוסף וכן תני רבי חייא, מיום שחרב בית המקדש, אף על פי שבטלו סנהדרין, ארבע מיתות לא בטלו. לא בטלו, הא בטלו להו. אלא 'דין' ארבע מיתות לא בטלו [פירש"י בסנהדרין: פורענות בידי שמים הדומה למיתה שהוא מחוייב בה]. מי שנתחייב סקילה, או נופל מן הגג, או חיה דורסתו. ומי שנתחייב שריפה, או נופל בדליקה, או נחש מכישו. ומי שנתחייב הריגה, או נמסר למלכות, או ליסטים באין עליו. ומי שנתחייב חנק, או טובע בנהר, או מת בסרונכי.

[יט] ברבינו בחיי בפרשתן (כא, כא): אמרו חז"ל כי דין זה של סורר ומורה לא אירע מעולם, והוא שתמצא בפרק בן סורר ומורה (סנהדרין עא.) תניא בן סורר ומורה ועיר הנדחת לא היו ולא עתידין להיות, ולמה נכתבו, דְּרוֹשׁ וקבל שכר. ואם כן יש לשאול מפני מה הוצרכה תורה להודיע ולכתוב מה שלא היה, ומה שאין ענינו נוהג בדרך העולם. ○ אבל זה היה מחכמת התורה, ללמד דעת את העם בגודל חיוב אהבת ה׳ יתברך. שהרי אין לך אהבה חזקה בעולם כאהבת האב והאם לבן, וכיון שהבן עובר על מצוות ה׳ יתעלה, וזה דרכו כסל לו, חייבין הם שתגבר עליהם אהבת ה׳ יתברך על אהבת הבן, עד שיצטרכו להביא אותו הם בעצמן לבית דין לסקילה.

וכבר בא הענין הזה בחיוב גודל אהבה לה׳ יתברך מפורש בתורה בענין העקידה, כי אברהם עם היות אהבתו של יצחק עזה וחזקה, כבן שבא אליו אחר הזקנה והיאוש, אף על פי כן כשצוהו להקריבו עולה, טרח בדבר מיד, והגביר אהבת ה׳ יתברך על אהבתו של יצחק. ועל שלימות המעלה הזאת קראו אַבְרָהָם אֹהֲבִי (ישעי׳ מא, ח), ואז נתפרסם לכל העולם גודל חיוב האהבה להשם יתעלה שהיא ראויה לעבור כל מיני אהבה, ומזה אמרו דְּרוֹשׁ וקבל שכר. כך שמעתי מפי הרב ר׳ שלמה [הרשב"א] מורי שיחיה.

ומה שנמצא שם אמר רבי יוחנן אני ישבתי על קברו של בן סורר ומורה ועל תלה של עיר הנדחת, אפשר לומר דפליג אברייתא. או שמא הא דרבי יוחנן לא היה בן סורר ומורה גמור, אלא כענין אַבְשָׁלוֹם, אבל לא היה בן סורר ומורה גמור כדין תורה, שנגמר לסקילה.

געווען אַ יְפַת תֹּאַר, און אַבְשָׁלוֹם האָט דעם ׳דין׳ פון אַ בֵּן סוֹרֵר וּמוֹרֶה, כאָטשיג ס׳איז נישט געווען די ׳הלכות׳ וואָס שטייט אין פסוק, אָבער על כל פנים ס׳האָט דעם דין פון בֵּן סוֹרֵר וּמוֹרֶה.

און ער זאָגט פְּשָׁט אין די גמרא[טז], דעס וואָס ס׳שטייט דער מאן דאמר [רבי יונתן] וואָס האָט געזאָגט אני ישבתי על קברו - איינער זאָגט לא היה ולא נברא, און [איינער זאָגט] איך בין געזעסן על קברו, - זאָגט ער ס׳איז געווען אויפן קבר פון אַבְשָׁלוֹם׳ן.

אַזוי זאָגט דער רבינו בחיי.

**לו**

**קושיא י**

בגמרא סנהדרין: ביקש דוד וכו׳, אמר לו חושי הארכי, יאמרו מלך שכמותך יעבוד עבודה זרה. אמר לו, מלך שכמותי יַהַרְגֵנוּ בְּנוֹ [אבשלום], מוטב יעבוד עבודה זרה ואל יתחלל שם שמים בפרהסיא. אמר ליה מאי טעמא קא נסיבת יְפַת תֹּאַר [אמו של אבשלום]. אמר ליה יְפַת תֹּאַר רחמנא שרייה. אמר ליה, לא דרשת סמוכין, כל הנושא יְפַת תֹּאַר יש לו בֵּן סוֹרֵר וּמוֹרֶה

די גמרא זאָגט אין סנהדרין[כ] [על מה שנאמר בזמן שֶׁמָּרַד אַבְשָׁלוֹם נגד אביו דוד המלך, שאמר הכתוב] בקש דוד לבוא עַד הָרֹאשׁ, האָט ער געזאָגט [חוּשַׁי הָאַרְכִּי לדוד], מלך שכמותך יעבוד עבודה זרה, האָט ער געענטפערט מלך שכמותי יַהַרְגֵנוּ בְּנוֹ, אַז ער וועט אים הַרְגֶ׳נען [יתרעמו על מדותיו של הקב״ה, און] ס׳איז אַ חילול השם, [וואָס דאָס איז דאָך נאָך] אַרגער, איז [שוין] ליבער אַזוי, אַז ער דינט די עבודה זרה [כדי שאם יהרגנו יאמרו שנענש על שעבד עבודה זרה], דאָס איז פאַר זיך [אַ חטא לעצמו, אבל לא יהיה בזה חילול השם גדול כל כך].

האָט ער אים געענטפערט מאי טעמא נסבת יְפַת תֹּאַר, האָט ער אים געענטפערט יְפַת תֹּאַר התירה התורה.

האָט ער אים ווידעראום געענטפערט אמאי לא דרשת סמוכין, פאַרוואָס האָסטו נישט גע׳דַרְשֶׁ׳נט סמוכין, פון אַ יְפַת תֹּאַר קומט אַרויס אַ בֵּן סוֹרֵר וּמוֹרֶה, [און] דאָס איז געווען די סיבה.

**לז**

ויש להבין מהו התירוץ בהא דאמר לו לא דרשת סמוכין, על מה שאמר לו דוד שהוא חילול ה׳ אם מלך שכמותי יהרגנו בנו

י) לכאורה וואָס האָט ער אים מיט דעם פאַרענטפערט, ער האָט דעך דאָך געזאָגט מלך שכמותי יהרגנו בנו, אַז דאָס איז אַ חילול השם, נו וואָס איז די נפקא מינה [פאַרוואָס], איז עס פאַרדעם, זאָל זיין ווייל ער האָט נישט גע׳דַרְשֶׁ׳נט סמוכין און ער האָט גענומען [יְפַת תֹּאַר], אָבער ס׳איז דאָך ווייטער די קַשְׁיָא לפי דבריו, די קַשְׁיָא האָט ער נאָך מיט דעם נישט פאַרענטפערט, אַז ס׳איז אַ חילול השם.

---

[כ] בגמרא סנהדרין (קז.): אמר רב יהודה אמר רב, ביקש דוד לעבוד עבודה זרה, שנאמר (שמואל ב׳ טו, לב) וַיְהִי דָוִד בָּא עַד הָרֹאשׁ אֲשֶׁר יִשְׁתַּחֲוֶה שָׁם לֵאלֹהִים. ואין רֹאשׁ אלא עבודה זרה, שנאמר (דניאל ב, לב) הוּא צַלְמָא רֵאשֵׁהּ דִּי דְהַב טָב. וְהִנֵּה לִקְרָאתוֹ חוּשַׁי הָאַרְכִּי קָרוּעַ כֻּתָּנְתּוֹ וַאֲדָמָה עַל רֹאשׁוֹ (שמואל שם), אמר לו לדוד, יאמרו מלך שכמותך יעבוד עבודה זרה. אמר לו, מלך שכמותי יַהַרְגֵנוּ בְּנוֹ [פירש״י: חסיד שכמותי הרגו בנו, ויהו מתרעמין על מדותיו של הקב״ה, ונמצא שם שמים מתחלל בפרהסיא], מוטב יעבוד עבודה זרה [ואחלל את השם אני לבדי], ואל יתחלל שם שמים בפרהסיא [שלא יחללו אותו כל העם]. אמר [ליה חושי הארכי לדוד, הקב״ה לא עביד דינא בלא דינא, שמעמיד בנך להרגך, דְּאַתְּ] מאי טעמא קנסיבת יְפַת תֹּאַר [דאמו של אבשלום מַעֲכָה בַּת תַּלְמַי מֶלֶךְ גְּשׁוּר (שמואל ב׳ ג, ג), ותפסה דוד במלחמה. דאין לומר בעבירה באה לו, דהא כתיב (מלכים א׳ טו, ה) רַק בִּדְבַר אוּרִיָּה הַחִתִּי]. אמר ליה, יְפַת תֹּאַר רחמנא שרייה. אמר ליה, לא דרשת סמוכין, דסמיך ליה כִּי יִהְיֶה לְאִישׁ בֵּן סוֹרֵר וּמוֹרֶה, כל הנושא יְפַת תֹּאַר, יש לו בֵּן סוֹרֵר וּמוֹרֶה.

צב

# ישוב הקושיות בפרשת כִּי תִהְיֶיןָ לְאִישׁ

### הקדמה לישוב קושיא ח-ט

(עד אחר אות קיט)

נאָר לאָמיר צוקומען דאָ צום ענין [פון כִּי תִהְיֶיןָ לְאִישׁ] **שְׁתֵּי נָשִׁים הָאַחַת אֲהוּבָה וְהָאַחַת שְׂנוּאָה.**

צג

## ביאור הגמרא ברכות: למה נסמכה פרשת אַבְשָׁלוֹם לגוג ומגוג

בגמרא ברכות: למה נסמכה פרשת אַבְשָׁלוֹם לפרשת גוג ומגוג, שאם יאמר לך אדם כלום יש עבד שמורד ברבו [ויבא להכחיש דברי הנביא], אף אתה אמור לו כלום יש בן שמורד באביו, אלא הֲוָה, הכא נמי הֲוָה

לאָמיר זען, ס'איז דאָ נאָך אַ שטיקל גמרא [בענין אַבְשָׁלוֹם].

**די גמרא זאָגט אין ברכות דף י'**[כא]**, אַ צדוקי האָט געפרעגט, מֶכְּדֵי מעשה שאול איז דאָך געווען קֶדים פון מעשה דאבשלום,** [ואם כן] **פאַרוואָס** [דער מִזְמוֹר לְדָוִד] **בְּבָרְחוֹ מִפְּנֵי שָׁאוּל בַּמְּעָרָה, שטייט ווייטער** [בתהלים, אין קאַפּיטל] **נ"ז, און** [מִזְמוֹר לְדָוִד] **בְּבָרְחוֹ מִפְּנֵי אַבְשָׁלוֹם בְּנוֹ שטייט פאָרנט**[כב] [אין] **קאַפּיטל ג'.**

האָט מען אים געענטפערט אַתּוּן דלא דרשי סמוכי, קענט עטס פרעגן. [אָבער] אונז דַרְשֶׁ'ן מיר סמוכין [ולכן לא קשה לן. דאנן דרשינן] **למה נסמכה פרשת אַבְשָׁלוֹם לגוג ומגוג,** [דהיינו למזמור] **לָמָּה רָגְשׁוּ גוֹיִם** (קאפיטל ב') [וואָס] **דאָס גייט אַרויף אויף מלחמת גוג ומגוג.**

**זאָגט די גמרא** [דלפיכך נסמך אַבְשָׁלוֹם לגוג ומגוג]**, שאם יאמר לך אדם כלום יש עבד שמורד ברבו**[כג]**, זאָגט רש"י** [ויבא להכחיש את דברי הנביא] **מ'וועט חלילה נישט גלייבן אין דברי נביאים,** [וואו] **ס'שטייט עפּעס אַז ס'וועט זיין עפּעס אַ מין** [מרידה ווי] **מלחמת גוג ומגוג,** [וואָס] **יִתְיַצְּבוּ עַל ה' וְעַל מְשִׁיחוֹ,** [ויתמהו לאמר] **וואו איז דאָס פאַרהאַנדן מ'זאָל אויפשטיין עַל ה' וְעַל מְשִׁיחוֹ, וועט מען נישט גלייבן חלילה אין דברי נביאים** [שהעידו כן על גוג ומגוג].

**איבערדעם איז אָבער דאָ די מַעֲשֶׂה פון אַבְשָׁלוֹם'ן,** [שגם על זה יש תמיהה וכי] **כלום יש בן שמורד באביו.**

**אלא הֲוָה, זעסט דאָך** [אַז ס'איז געווען אַזאַ זאַך]**, און דעס איז דאָך אויך אַ גרעסער וואונדער, אַ 'בן' שמורד באביו, און ס'איז געווען.**

**הכא נמי הֲוָה, אַזוי איז דאָס אויך געווען.**

---

[כא] **בגמרא ברכות** (י.)**:** אמר ליה ההוא צדוקי לרבי אבהו, כתיב (תהלים ג, א) **מִזְמוֹר לְדָוִד בְּבָרְחוֹ מִפְּנֵי אַבְשָׁלוֹם בְּנוֹ,** וכתיב (שם נז, א) **לְדָוִד מִכְתָּם בְּבָרְחוֹ מִפְּנֵי שָׁאוּל בַּמְּעָרָה,** הי מעשה הוה ברישא, מכדי מעשה שאול הוה ברישא, לכתוב ברישא. אמר ליה, אתון דלא דרשיתון סמוכין, קשיא לכו, אנן דדרשינן סמוכים לא קשיא לן, דאמר רבי יוחנן סמוכין מן התורה מנין, שנאמר (שם קיא, ח) **סְמוּכִים לָעַד לְעוֹלָם עֲשׂוּיִם בֶּאֱמֶת וְיָשָׁר** [פירש"י: בדברי תורה כתיב, אחרי נאמנים כל פקודיו. סמוכים, סמיכת כל פקודיו עשוים באמת וישר ולצורך, ולא דבר רֵק]. **למה נסמכה פרשת אבשלום לפרשת גוג ומגוג, שאם יאמר לך אדם כלום יש עבד שמורד ברבו** [ויבא להכחיש את דברי הנביא]**, אף אתה אמור לו כלום יש בן שמורד באביו, אלא הֲוָה** [הא חזינן הכא דהוה]**, הכא נמי הֲוָה** [סוֹפֵיהּ לִהְיוֹת].

[כב] פירוש: 'בתחלת' ספר תהלים.

[כג] היינו בהקב"ה.

KolSatmar.com

### צד
### קושיא א - בגמרא דברכות

והקשה הצל״ח, למה הוצרך להביא ראיה מאבשלום להוכיח כי שייך ענין עבד המורד בקונו, והלא כבר היו הרבה רשעים בעולם שמרדו בקונם, וכגון נמרוד ופרעה

**פרעגט דער צְלַ״ח**[כד]**, וואָס הייסט ס׳איז געווען**[כה]**.**

[חדא קשה, וכי] **ער דאַרף קומען ביז צו אַבְשָׁלוֹם׳ן** [להוכיח ראיה כי] **יש עבד שמורד ברבו. ס׳איז דען נישט געווען נמרוד, און פרעה.** [והלא פרעה] **ער האָט געזאָגט מִי ה׳ אֲשֶׁר אֶשְׁמַע בְּקֹלוֹ** (שמות ה, ב)**,** [און] **נמרוד איז געווען שהמריד את כל העולם כולו בעבורו, המריד את כל העולם על הקדוש ברוך הוא** (עירובין נג. ועוד)**.**

**ס׳איז דאָך געווען** [כמה רשעים שמרדו בקונם]**, איז** [דען] **נישט געווען אַזוינס?**

**איך מוז אָנקומען ביז צו אַבְשָׁלוֹם׳ן?** [און] **אַז נישט וועט מען פרעגן אַזאַ קַשְׁיָא,** [כלום] **יש עבד שמורד ברבו.**

### צה
### קושיא ב - בגמרא דברכות

ועוד הקשה בצל״ח, למה אמרו הלשון הכא נמי ׳הֲוָה׳, והלא מלחמת גוג ומגוג עדיין לא היה

**און נאָך פרעגט ער** [אויף] **דאָס לשון אלא הֲוָה, הכא נמי ׳הֲוָה׳, זאָגט רש״י**[כא] **הֲוָה, עתיד להיות.** [שהרי] **מלחמת גוג ומגוג איז דאָך נאָכנישט געווען** [בְּעָבַר, ואם כן] **וואָס איז דער הֲוָה,** [אלא הכוונה] **זאָל מען גלייבן** [שעתיד להיות] **אַז ס׳וועט נאָכקומען עפּעס אַזאַ מין זאַך, אַ עבד שמורד ברבו, אַזוי זאָגט רש״י.**

**פרעגט אויך דער צל״ח,** [דאם כן] **האָט געדאַרפט שטיין הכא נמי ׳יהיה׳,** [שאם יאמר לך אדם] **כלום יש עבד שמורד ברבו,** [תאמר לו] **וְהֲוָה** [כן באבשלום]**, הכא נמי ׳יהיה׳** [בגוג ומגוג]**. וואָס דאַרף איך זאָגן ׳הֲוָה׳ און רש״י זאָגט** [שהוצרך לפרש] **אַז ס׳איז עתיד להיות.**

### צו
### תירוץ הצל״ח - על קושיא א בגמרא דברכות

ובצל״ח מתרץ, כי כל הרשעים עד מלחמת גוג ומגוג, לא מבואר בפסוקים שהם מרדו לגמרי בה׳, אלא יש לומר דטעו כטעות דור אנוש, כי אין כבודו להשגיח בתחתונים ושפלים, רק מסר הקב״ה הנהגת העולם להשרים ומזלות, משא״כ במלחמת גוג ומגוג שמבואר בפסוק שילחמו כביכול עם ה׳ ממש, וכדכתיב יִתְיַצְּבוּ עַל ה׳ וְעַל מְשִׁיחוֹ

**וויל דער צל״ח, וויל ער אויפטון**[כה]**,** [אַז] **פרעה מיט נמרוד׳ן לכאורה איז אויך נישט געווען עפּעס ׳אַזוי ווייט׳ מיט מְרִידָה,** [שהרי] **זיי האָבן אויך נאָר געגלייבט** [בהקב״ה שהיא סיבה ראשונה]**.**

---

[כד] לשון זה קאי על קושיא ב׳ דלהלן.

[כה] **בצל״ח** (ברכות שם)**: כלום יש עבד כו׳. ואף שכבר מצינו פַּרְעֹה שהיה עבד מורד על אדוניו, כדכתיב שאמר למשה מִי ה׳ אֲשֶׁר אֶשְׁמַע בְּקֹלוֹ, מכל מקום אין מרידתו זאת דומה למרידת גוג, שתשובה זו אינו מורה שהוא סובר להלחם עם ה׳ בחוזק יד, אבל היה מאותן האומרים עזב ה׳ את הארץ, כי אין כבודו להשגיח בשפלים, ולכך מסר עולמו ביד המזלות, והיה בוטח במזלו שהוא מזל טלה ראש המזלות. ○ ואף שהאמת הוא שפרעה מָרַד גם כן מרידה כגוג, וכן עוד הרבה רשעים כיוצא בו, כגון נמרוד וחביריו, מכל מקום לא מצינו ראיה על זה בתורה, שיסופר בכתוב אופן מרידתם על זה הדרך. ○ אבל על גוג אמר דוד וְרוֹזְנִים נוֹסְדוּ יָחַד עַל ה׳ וְעַל מְשִׁיחוֹ, מבואר שנתנבא שֶׁיִוָּסְדוּ יחד על ה׳ כביכול, לנתק מהם מוסרותימו במלחמה ובחוזק יד, ובזה חָשַׁש דוד שיאמרו כלום יש עבד שמורד על אדוניו מרידה כזו, ויכחישו את נבואתו. ולכן הוצרך להביא דמיון מֵאַבְשָׁלוֹם.**

ובזה ניחא מה שמסיים אלא הוה הכא נמי הוה, ולפי דקדוק הלשון הוה ליה למימר הכא נמי עתיד למהוי. ורש״י באמת נדחק לפרש הוה, סופיה להיות. ולדידי ניחא, דבודאי כבר היה גם כן רשעים, נִמְרוֹד וחביריו, שידעו רבונם ונתכוונו למרוד בו.

KolSatmar.com

אַזוי ווי זיי זאָגן אַלע, [אויף] די ערשטע, די אַלטע עבודה זרה׳ס - ווי דער **רמב"ם** זאָגט[כו] - אַלע [היה סברתם כי אמרו] **אֵין כבודו של הקדוש ברוך הוא להשגיח בתחתונים**, און מ׳האָט עס איבערגעגעבן פאַר די מַזָלוֹת, פאַר אַנדערע, פאַר מְמוּצָעִים, איבערדעם האָבן זיי צו זיי געדינט [להממוצעים], און [טעו וחשבו כי] דער בורא כל עולמים אַליין וויל אַזוי.

[אָבער] אינגאַנצן אַ מְרִידָה אין באַשעפער, זענען זיי אפשר אויך נישט געווען.

[און] הֲגַם - זאָגט ער - ס׳קאָן זיין זיי זענען יאָ געווען אויף דעם אופן, אָבער אין **פסוק** שטייט עס נישט [על זה האופן. ועל כן לא יבואו בדורות עתידים לתמוה בזה על דברי הכתוב, כמו במלחמת גוג ומגוג שמבואר בהפסוק כי יִתְיַצְּבוּ עַל ה׳].

אַזוי וויל דער **צל"ח** פאַרענטפערן.

**צז**

**תירוץ הצל"ח - על קושיא ב בגמרא דברכות**

והלשון הֱוָה, הוא יען כי באמת גם הרשעים שעברו כפרו בה׳ ומרדו בו אף שאין מבואר בפסוקים להדיא כל כך

[און דאָס לשון] **הֱוָה**, מיינט ער טאַקע [נמרוד ופרעה ודומיהן].

דערנאָכדעם [לאחר שמביא ראיה מאבשלום] זאָגט ער שוין אַז **נמרוד** איז אויך [אַזוי] געווען.

**צח**

**מה שעדיין קשה לתירוץ הצל"ח**

אם מעיקרא אין ראיה מהפסוק על נמרוד ופרעה, אם כן למה לבסוף אמרו עבורם בגמרא לשון הֱוָה

נו לכאורה [לפי דבריו אכתי קשה] וואָס דען, אַז ס׳איז נישט קיין רְאָיָה [פון פסוק, על פרעה ונמרוד, אם כן קשה לפרש דעליהם קאי לשון הֱוָה, שהרי לא עליהם יתמהו כלום יש כזה].

- [ועכ"פ] אַזוי זאָגט **דער צל"ח**. -

**צט**

ועוד דהלא באמת לענין נמרוד ודור הפלגה מבואר בדברי חכז"ל שמרדו וכפרו בה׳, ואמרו נעלה לרקיע ונלחם בו, ולענין פרעה מבואר גם בפסוק שאמר מִי ה׳ אֲשֶׁר אֶשְׁמַע בְּקֹלוֹ וגו׳

[און] דער אֱמֶת פון **נִמְרוֹד** און פון **פַּרְעֹה** [באמת יש גם כן רְאָיָה].

[שהרי] אויפן **דוֹר הַפְלָגָה** שטייט דאָך אַרויס [אַזוי] אין **דברי חכמינו ז"ל**, הגם ס׳שטייט נישט אַרויס אין פסוק, [אָבער] **חכמינו ז"ל** האָבן דאָך געזאָגט[כז] אויף [דעם

---

[כו] **ברמב"ם** (עבודה זרה א, א): בימי אנוש טעו בני האדם טעות גדול, ונבערה עצת חכמי אותו הדור וכו׳. וזו היתה טעותם, אמרו הואיל והאלקים ברא כוכבים אלו וגלגלים להנהיג את העולם, ונתנם במרום וחלק להם כבוד והם שמשים המשמשים לפניו, ראויין הם לשבחם ולפארם ולחלוק להם כבוד, וזהו רצון הקל ברוך הוא לגדל ולכבד מי שגדלו וכבדו, כמו שהמלך רוצה לכבד העומדים לפניו וזהו כבודו של מלך. כיון שעלה דבר זה על לבם, התחילו לבנות לכוכבים היכלות ולהקריב להן קרבנות, ולשבחם ולפארם בדברים, ולהשתחוות למולם, כדי להשיג רצון הבורא בדעתם הרעה, וזה היה עיקר עבודת כוכבים. וכך היו אומרים עובדיה היודעים עיקרה, לא שהן אומרים שאין שם אלוק אלא כוכב זה. הוא שירמיהו אומר (י, ז-ח) מִי לֹא יִרָאֲךָ מֶלֶךְ הַגּוֹיִם כִּי לְךָ יָאָתָה כִּי בְכָל חַכְמֵי הַגּוֹיִם וּבְכָל מַלְכוּתָם מֵאֵין כָּמוֹךָ, וּבְאַחַת יִבְעֲרוּ וְיִכְסָלוּ מוּסַר הֲבָלִים עֵץ הוּא, כלומר הכל יודעים שאתה הוא לבדך, אבל טעותם וכסילותם שמדמים שזה ההבל רצונך הוא. [ועיי"ש עוד, וברמב"ן יתרו כ ג].

[כז] **בתנחומא נח** (סימן יח): וַיְהִי כָל הָאָרֶץ שָׂפָה אֶחָת (נח יא, א). אמר שלמה (משלי כז, כב) אִם תִּכְתּוֹשׁ אֶת הָאֱוִיל בַּמַּכְתֵּשׁ בְּתוֹךְ הָרִיפוֹת בַּעֱלִי לֹא תָסוּר מֵעָלָיו אִוַּלְתּוֹ וכו׳. מהו בְּתוֹךְ הָרִיפוֹת, אלו דור הפלגה שהיו ׳מחרפין בפיהם׳ אחר יחידו של עולם וכו׳, אמרו לא כל הימנו שיבור לו העליונים ויתן לנו התחתונים, נעלה לרקיע ונכהו בקרדומות. ונחלקו לג׳ כתות, אחת אומרת נעלה ונשב שם, ואחת אומרת נעשה עמו מלחמה, ואחת אומרת נעלה ונעבוד שם עבודת כוכבים וכו׳.

KolSatmar.com

וואָס זיי האָבן געזאָגט הָבָה] **נִבְנֶה לָּנוּ עִיר** [וּמִגְדָּל וְרֹאשׁוֹ] **בַשָּׁמַיִם** (נח יא, ד), [כי אמרו] **בואו וְנִבְקַע הרקיע להלחם בו**[כח]. [אַזוי] **שטייט דאָך ביים דוֹר הַפְּלָגָה**[כט].

[ובפרעה מצינו שגם] **דער פסוק זאָגט דאָך** [שאמר] **מִי ה' אֲשֶׁר אֶשְׁמַע בְּקֹלוֹ** [וגו', לֹא יָדַעְתִּי אֶת ה'], **זעט דאָך אויס** [גם במשמעות הפסוקים, ווי] **אינגאַנצן אַ כְּפִירָה לא עלינו.**

**ס'איז שווער צו זאָגן אויף זיי** [שלא היה מרידה גמורה. ואם באת לחלק ולומר] **קאָן זיין ס'איז עפּעס דערינען** [איזה כוונה אחרת, וכעין עובדי עבודה זרה בדור אנוש שהאמינו בה' ורק טעו בדבר ההשגחה], **נו פונוואַנעט ווייסט מען** [בכוונת הפסוק] **יִתְיַצְּבוּ עַל ה' וְעַל מְשִׁיחוֹ** [שלא לפרשו על כוונה אחרת, רק על מרידה וכפירה, דלכאורה גם שם] **קען מען דאָך אויך זאָגן אויף דעם אופן, לִכְאוֹרָה.**

**ק**

**הקדמה לישוב קושיא א-ב בגמרא דברכות**

איתא במדרש, כי כל רשע אומר על שלפניו שהיה שוטה, והוא מתחכם יותר האיך להרע לישראל. וגוג ומגוג יאמרו שוטים היו הראשונים שהעקיפו עצה על ישראל ולא היו יודעים שיש להם פטרון בשמים. ואנו בתחלה נזדווג לפטרונן, ואחר כך אנו חוזרים על ישראל

**נאָר איך קלער אַזוי, מ'קען זאָגן 'אַזוי' פְּשַׁט.**

[דהנה] **איך האָב שוין גערעדט דאָס פאַריגע מאָל דערפון**[ל], [וואָס] **דער מדרש זאָגט - אויף עטליכע פלעצער איז דער מדרש**[לא], [און] **דער של"ה הקדוש ברענגט אים**

---

**ובבראשית רבה** (לח, ו): **מעשה דור המבול נתפרש, מעשה דור הפלגה לא נתפרש** [בפסוק]. **וּדְבָרִים אֲחָדִים** (נח שם), **שאמרו דברים חדים על ה' אֱלֹקֵינוּ ה' 'אֶחָד'** (ואתחנן ו, ד), ועל **'אֶחָד' הָיָה אַבְרָהָם בָּאָרֶץ** (יחזקאל לג, כד) וכו'. אמרו לא כל הימנו לבור לו את העליונים וליתן לנו את התחתונים, אלא בֹּאוּ ונעשה לנו מגדל, ונעשה עבודת כוכבים בראשו, וניתן חרב בידה ותהא נראת כאילו עושה עמו מלחמה וכו'.

**וברש"י נח** (יא, א): **וּדְבָרִים אֲחָדִים.** באו בעצה אחת ואמרו לא כל הימנו שיבור לו את העליונים, **נעלה לרקיע ונעשה עמו מלחמה.** דבר אחר, על יחידו של עולם וכו'.

[כח] מלשון **נוסח סדר העבודה ליום כיפור** (ד"ה אתה כוננת): זָכַרְתָּ בְּרִית לְתָמִים בְּדוֹרוֹ, וּבִזְכוּתוֹ שַׂמְתָּ לְעוֹלָם שְׁאֵרִית. חֹק בְּרִית קֶשֶׁת לְמַעֲנוֹ כָּרַתָּ, וּבְאַהֲבַת נִיחוֹחוֹ בָּנָיו בֵּרַכְתָּ. **טָעוּ בְּעָשְׁרָם וּבָנוּ מִגְדָּל, וַיֹּאמְרוּ לְכוּ וְנַעֲלֶה וְנִבְקִיעַ הָרָקִיעַ לְהִלָּחֵם בּוֹ.** יָחִיד אָב הֲמוֹן פִּתְאֹם כְּכוֹכָב זָרַח, מֵאוֹר כַּשְׂדִּים לְהָאִיר בַּחֹשֶׁךְ. כַּעֲסָךְ הֵפַרְתָּ בְּשׁוּרְךָ פָּעֳלוֹ וכו'.

[כט] וזהו אפילו בכלליות דור הפלגה, ובפרט בנמרוד מלכם שעמד בראשם, שעליו אמרו בגמרא (עירובין נג. ועוד) למה נקרא שמו נמרוד, על שהמריד את כל העולם על ה' במלכותו, וכמו שהזכיר רבינו לעיל באות צד. והפסוק מעיד עליו הוּא הֵחֵל לִהְיוֹת גִּבֹּר בָּאָרֶץ, ופירש"י להמריד כל העולם על הקב"ה בעצת דור הפלגה.

[ל] **בס"ג שלח תשכ"ז** (לשון קדשו ג ח"ד, אות קפז-רכב). **ועיין עוד בזה בס"ג בהעלותך תש"כ, שמות תשכ"א, תזריע מצורע תשכ"א, וסעודת פורים תש"כ.**

[לא] **במדרש תהלים** (פרק ב): [יִתְיַצְּבוּ מַלְכֵי אֶרֶץ וְרוֹזְנִים נוֹסְדוּ יָחַד] **עַל ה' וְעַל מְשִׁיחוֹ** (תהלים ב, ב). **מָשָׁל לגבור שהיה במדינה, וכשהיו הגייסות באות לאותה מדינה היו יראים מאותו גבור, ואומרים מה נעשה, בואו ונהרג אותו גבור ואחר כך נזדווג למדינה. כך אלו.** ○ אמר רבי ברכיה בשם ר' לוי, **ארורים הם הרשעים שהם מקיימים עצה על ישראל, וכל אחד ואחד אומר עצתי יפה מעצתך.** עֵשָׂו אמר, שוטה היה קַיִן שהרג הבל בחיי אביו, ולא היה יודע שאביו פרה ורבה. אני איני עושה כן, אלא יִקְרְבוּ יְמֵי אֵבֶל אָבִי [וְאַהַרְגָה אֶת יַעֲקֹב אָחִי] (תולדות כז, מא). **פרעה** אמר, שוטה היה עֵשָׂו שאמר כן, ולא היה יודע שאחיו פרה ורבה בחיי אביו. אני איני עושה כן, אלא עד דיהון דקיקין תחות כורסייא דאימהון, אנא מחינא להון. הדא הוא דכתיב (שמות א, כב) כָּל הַבֵּן הַיִּלּוֹד הַיְאֹרָה תַּשְׁלִיכֻהוּ. הָמָן הרשע אמר, פרעה היה שוטה שאמר כן, ולא היה יודע שהבנות נישאות לאנשים, והן פרות ורבות. אני איני עושה כן, אלא לְהַשְׁמִיד לַהֲרֹג וּלְאַבֵּד וגו' [מִנַּעַר וְעַד זָקֵן טַף וְנָשִׁים] (אסתר ג, יג). ○ **גוג ומגוג עתידין לומר כן, שוטים היו הראשונים שמעקיפין עצה על ישראל ולא היו יודעים שיש להם פטרון בשמים. אני איני עושה כן, אלא בתחלה אני מזדווג לפטרונן ואחר כך אני חוזר על ישראל. הדא הוא דכתיב על ה' ועל משיחו. והקב"ה אומר להם, גוג ומגוג, לי אתם באים להזדווג? כמה גדודים יש לְפָנַי, וכמה רשפים וברקים ולפידים, ואני יוצא עמך במלחמה,** שנאמר (ישעי' מב, יג) ה' כַּגִּבּוֹר יֵצֵא כְּאִישׁ מִלְחָמוֹת יָעִיר קִנְאָה. מה כתיב שם, וְהָיָה ה' לְמֶלֶךְ עַל כָּל הָאָרֶץ (זכריה יד, ט).

**ובאסתר רבה** (ז, כג): **אמר רבי לוי, ארורים הם הרשעים שהם מתעסקים בעצה רעה על ישראל וכל אחד**

KolSatmar.com

**אויך, דאָרטן ביי שובבי"ם**[לב], - **רעכנט ער אויס** [במדרש], **יעדער איז אַלץ מִתְחַכֵּם** [על מעשי הרשעים שלפניו].

**איינער זאָגט שׁוֹטֶה היה קַיִן, אַז ער האָט גע'הַרְגֶ'עט, ער האָט געוואוסט**[לג] **ס'וועט בלייבן** [שאר אנשים חוץ ממנו ומבניו].

**און איינער זאָגט שׁוֹטֶה היה פַּרְעֹה.**

---

**ואחד מהם יועץ לפי דרכו ואומר עצתי טובה מעצתך.** עֵשָׂו אמר שוטה היה קַיִן וכו' [וכדלעיל במדרש תהלים]. פַּרְעֹה אמר שוטה היה עֵשָׂו וכו'. המן אמר פרעה שוטה היה וכו' [וכדלעיל שם]. ○ **ואף גוג ומגוג לעתיד לבא עתיד לומר, שוטים היו ראשונים שהיו מתעסקין בעצות עם מלכיהם על ישראל, ולא היו יודעין שיש להם פטרון בשמים. אני איני עושה כן, אלא הריני מזדווג עם פטרונן תחלה ואחר כך אני מזדווג להם,** הדא הוא דכתיב **יתיצבו מלכי ארץ ורוזנים נוסדו יחד על ה' ועל משיחו. אמר לו הקב"ה, רשע, לי אתה בא להזדווג?** כמה גדודים יש לְפָנַי, כמה ברקים כמה רעמים, כההיא דכתיב (שמואל א' ז, י) וַיַּרְעֵם ה' בְּקוֹל גָּדוֹל, וכמה שרפים וכמה מלאכים, **אלא גבורתי תצא ונלחמת עמך,** הדא הוא דכתיב (זכריה יד, ג) וְיָצָא ה' וְנִלְחַם בַּגּוֹיִם הָהֵם כְּיוֹם הִלָּחֲמוֹ בְּיוֹם קְרָב, וכתיב ה' כַּגִּבּוֹר יֵצֵא כְּאִישׁ מִלְחָמוֹת יָעִיר קִנְאָה וגו'. מה כתיב תמן, וְהָיָה ה' לְמֶלֶךְ עַל כָּל הָאָרֶץ.

[לב] **בשל"ה הק'** (תורה שבכתב ריש פ' שמות, בדרוש לשובבי"ם ת"ת אות ב) **הביא לשון המדרש תהלים, ואח"כ כתב וז"ל:** הרשעים הגדולים הנ"ל, אע"פ שהיו רשעים גדולים, מכל מקום היו חכמים גדולים, אבל היו חכמים להרע ולא להטיב. **והם ידעו דביקות ישראל לאביהם שבשמים, וכל מגמתם להפריד הדביקות, ועל מרכז זה יסוב המאמר.** ○ מתחילה אתעורר במה שכל אחד אמר **עצתי טובה מעצתך,** דמשמע דגם עצתו טוב, רק זו טובה יותר, ואחר כך אומר שוטה היה. עוד קשה, גוג מגוג ממה נפשך, **מאמין ביכולת השי"ת או לא, אם מאמין איך אמר אזדווג לפטרון, ואם אין מאמין איך אמר יש להם פטרון וכו'.**

הנה מתחיל מתחילת בריאת עולם, דהיינו מתולדות אדם, כי ישראל קרוין אדם. **והנה מחשבה הרעה הזו להפריד הדביקות,** שהותחל מקין קינא דמסאבותא, הוא המורד הראשון **אשר רצה להפריד בין הדביקים ולסתור הבנין של מעלה.** וכן כתב הרקנאטי בפרשת בראשית וכו'. על זה אמר עשו שוטה היה קין וכו'. וענין המאמר יהיה שכל אחד אומר שוטה היה הראשון, כי אין עצתו כלום, ואף אם לא טובה עצתו, עצתי טובה, כי ממנו אוסיף עוד ביטול קְדוּשָּׁה ביותר. והנה קין הרג את הבל שהיה לו נשמה גדולה בלי ערך, והיא נשמת משה רבינו ע"ה ששקול כנגד כל ישראל, וחשב כי יסתר הבנין של מעלה. עשו אמר שהיה שוטה, כי למה לא חשב שיולד בדמותו וצלמו זרע אחר, ויחזור עטרה ליושנה, כאשר היה באמת, שנולד שת שממנו הושתת העולם. אני לא אעשה כן, וגם אראה בפרטיים לבטל עמוד שהעולם עומד עליו, והוא עמוד התורה, דהיינו בהריגת יעקב איש תם יושב אהלים וכו'.

**פרעה אמר שוטה היה כו',** דביני ביני יפרה וירבה תנוקות של בית רבן, ועליהם העולם עומד (שבת קיט:), כי תנוקות של בית רבן מבטלין גזירות רעות. וגם אוסיף עצה לבטל עוד עמוד העבודה, שהיא עמוד וקיום העולם, ובגזירת השלכת כל בן זכר ליאור חשב לבטל עמוד העבודה, כי אין עבודה בנשים, וכמו שנאמר (בא י, יא) לְכוּ נָא הַגְּבָרִים, כי אין דרך טף ונשים לזבוח.

**המן אמר שוטה היה,** כי ישאו אנשים, וגוי הבא על בת ישראל הולד ישראל וכו', על כן גזר להשמיד כולם. ולא עוד כי בזה יתבטל נוסף על גזירתו עמוד גמילות חסדים שעליו העולם עומד, כי בהתבטל ישראל נתבטל החסד חס ושלום, כמו שאמרו רז"ל (יבמות עט.) שלושה סימנים באומה זו, גומלי חסדים, ביישנים, רחמנים, וכולם נכללים בחסד. והסימן כִּי גָבַר עָלֵינוּ חַסְדּוֹ (תהלים קיז, ב), גָּבַ"ר ראשי תיבות גומלים חסדים, ביישנים, רחמנים.

**גוג מגוג אמר הכל שוטים,** וכי אינם יודעים שיש להם פטרון, אף כשנגזר להם ביטול שלושה עמודים, יש תקנה בתשובה להחזיר העטרה, והוא מקבלם בתשובה, כמו שנאמר (ואתחנן ד, ל), בַּצַּר לְךָ וּמְצָאוּךָ, ואיך המן הגביל זמן לשנה, וכי לא ידע כי בתוך זמן הזה יעשו תשובה, וכתיב (הושע יד, ב) שׁוּבָה יִשְׂרָאֵל עַד ה'. **וזהו עַל ה' וְעַל מְשִׁיחוֹ** (תהלים ב, ב), כי תשובה מגעת עד כסא הכבוד (יומא פו:). על זה אמר **אזדווג לפטרונם,** רצונו לומר שלא יעשו תשובה החביבה לו, דהיינו אייגע אותם מיד. כמו שעשה נבוכדנצר, כדאיתא **באיכה רבתי** (פ"ה, ה), נבוכדנצר שחיק טמיא ציוה לנבוזראדן, אלקהון דאילון מקבל בעל תשובה וידו פשוטה לקבל שבים, כיון דאתא כביש לון, **לא תשבקינון דיצלון, דלא יעבדון תיובתא ואלקהון ירחם עליהון,** עד כאן לשונו. **והקב"ה** משיב גדודים רשפים ברקים לפידים, כל אלה היו במתן תורה, גדודי מלאכי צבאות, וברקים ולפידים קולי קולות, ואדרבא כולם לזכך חומרם. **כן יהיה הענין במלחמות גוג מגוג, הכל לזכך,** ולא כמו בנבוכדנצר שהיה היראה בשביל עונש, ואז הם יסורין שיש בהם ביטול תורה, **אבל יסורין של אהבה הם, אדרבא לזכך להתיש חומר ולהוסיף דעה.** ובכן יתקיים וּמָלְאָה הָאָרֶץ דֵּעָה (ישעי' יא, ט), וְהָיָה ה' לְמֶלֶךְ עַל כָּל הָאָרֶץ (זכרי' יד, ט).

[לג] פירוש, געדאַרפט צו וויסן.

KolSatmar.com

**ער רעכנט אויס,** [שהרשע שאחריהם אמר] **זיי אַלע האָבן געטון נאַרישקייטן, אַלע,** [און] **ער וועט טון בעסער. ביז** [ער קומט] **צו גוג ומגוג.**

**גוג ומגוג וועלן זאָגן, אַז זיי זענען אַלע געווען שׁוֹטִים, זיי האָבן נישט געוואוסט אַז אידן האָבן אַ פטרון וואָס וועט זיי העלפן, ער העלפט זיי.** [ועל כן] **אני 'אזדווג לפטרונם'.**

**קא**

וכתב ביפה ענף על דברי המדרש, דמקשים העולם, וכי הם נואלו לחשוב להלחם בה'. ומתרץ, דכוונת גוג ומגוג להפסיק ולנתק הדביקות שבין ישראל לאביהם שבשמים, על ידי שיפריעום מהתורה ואמונה, ובזה הם נלחמים עִם ה'. וכן מפרש בביאור הרא"ם על מדרש תהלים, בשם מהר"י מינץ, בנו של מהר"ם פאדווא

**פלאָגן זיי זיך אַלע, וואָס הייסט עפּעס אזדווג לפטרונם.**

**ממה נפשך, גלייבסטו אַז ס'איז דאָ אַ פטרון, וויאַזוי קענסטו דיך עפּעס מזדווג זיין לפטרונם.**

**קב**

**זאָגט דער יפה תואר אין יפה ענף**[לד] **פְּשַׁט - און ער ברענגט עס** [בביאור הרא"מ על מדרש תהלים, בשם] **פונעם מהר"ם פדווא'ס זון**[לה]**.** [און] **זיי ברענגען דאָך, אַלע ברענגען דעם פְּשַׁט**[לו]**.** [אַז] **ער מיינט** [אזדווג] **לפטרונם, צו דער אֱמוּנָה.**

**ער וועט זיך פאַרלייגן, אַראָפּצוברענגען אידן פון דער אֱמוּנָה,** [ויתנתק ח"ו הקשר שבין ישראל לאביהם שבשמים, און] **ממילא וועט זיין חלילה אויס פטרון,** [ווייל] **ער וועט חלילה נישט העלפן אידן.**

**אויף די נְקוּדָה פון דער אֱמוּנָה, דאָס איז טייטש אזדווג 'לפטרונם'.**

**קג**

ובמדרש זה רואין שגוג ומגוג יתחכמו ללחום נגד ה', באופן שלא עשו כן הרשעים הקודמים

**זעט דאָך עפּעס אויס טאַקע, אַז גוג ומגוג וויל אַזוינס טון,** - [וכדמשמע פון] **וואָס ער זאָגט אַז אַלע זענען געווען שוטים, - וואָרן 'דאָס' איז נאָכנישט געווען.**

---

[לד] **ביפה ענף** (מהיפ"ת, על אסתר רבה שם)**: מזדווג עם פטרונם תחלה. מקשים העולם, וכי נואלו לחשוב להלחם בהשי"ת, והלא הכל יודעים כבודו וגדלו, כאומרו** (מלאכי א, יא) **מִמִּזְרַח שֶׁמֶשׁ וְעַד מְבוֹאוֹ גָּדוֹל שְׁמִי בַּגּוֹיִם. ○ ושמעתי אומרים שכוונתם להדבק בהשי"ת על ידי קרבנות וצומות וכיוצא, כדי שיניח אהבת ה' לישראל ויעזרם, ומזדווג לשון זווג ודבוק. וה' ידחם, דאהבת ישראל שסבלו כמה צרות עדיפא ליה. וזה שיבוש הלשון, דלשון הזדווגות בלשונן ז"ל** [הוא] **עריכת מלחמה וכו'. ומדקאמר לקמן כמה ברקים לְפָנַי וכו', מבואר שרצה לומר שאינו צריך להלחם בעצמו, כמו שגוג מבקש להלחם בו. ○ ואולם הנראה לי, שכוונת גוג ומגוג להפסיק הדביקות אשר לו יתברך עִם ישראל, על ידי שיפריעום ממעשי המצות, ובזה הם נלחמים עִם ה', למרות במצותיו. וכמו שכתב בספרי גבי קוּמָה ה' וְיָפֻצוּ 'אֹיְבֶיךָ'** (בהעלותך י, לה)**, שאויבי ישראל הם אויבי ה'. וזהו שנאמר שם** (בתהלים ב, ג) **נְנַתְּקָה אֶת מוֹסְרוֹתֵימוֹ, דהיינו תפילין וכו', כדאיתא בשוחר טוב** (מדרש תהלים שם, עיי"ש באורך)**. ולזה יֵצֵא ה' בעצמו וילחם, מאחר שעיקר המלחמה עמו. וכזה פירש בעל נורא תהלות במזמור ב'. וכזה היה ענין אָחָז שאמר אם אין גדיים אין תיישים** (בראשית רבה מג, ג. ותנחומא שמיני ט) **וכו'.**

**ומה כתיב תמן** [והיה ה' למלך] **וכו'. הזכיר זה, לומר שתכלית המלחמה, לעשות היפוך כוונתם שרצו לסלק מלכות ה' מן הארץ, והוא הֶפְרֵד הדיבוק האלקי וביטול מצותיו, כנזכר.**

[לה] **בביאור הרא"מ על מדרש תהלים** (להג"ר אהרן משה פאדווא נכדו, בן הג"ר יעקב מאיר פאדווא אב"ד בריסק, במזמור ב אות יג)**: אני מזדווג לפטרונן. הדבר קשה להולמו. וראיתי בזה כוונה נאותה לזקני הגאון רבי שמואל יהודה מינץ, בן הגאון מוהר"מ פאדווי, בספרו י"ב דרשות** (הנקרא גם בשם דרשות מהר"י מינץ)**, כי כוונתן היה לבטל את ישראל מתורה ומצות, והיינו שיזדווג לפטרונן, כי כאשר חס ושלום יחטאו, אזי אין הקב"ה בתוכן, ויכול חס ושלום לעשות עִם ישראל מה שירצה. ודברי פי חכם חן.**

[לו] וכן מבאר גם בשל"ה הק', וכמובא דבריו לעיל.

KolSatmar.com

קד

וכבר אמרתי בפרשת שלח בשם גדול אחד, שמתמה על הא דאיתא בזוהר שבמלחמת גוג ומגוג
יהיו פריצי ישראל בין חיילותיו של גוג. דהיתכן שימצאו בישראל אנשים שילחמו נגד מלך המשיח

**דאָס פאָריגע מאָל**[ל] **האָב איך געשמועסט פון דעם שוין, וואָס ס'שטייט אין זוהר הקדוש**[לז]**,** [אַז] **פון די פְּרִיצֵי יִשְׂרָאֵל, פונעם עֵרֶב רַב, זיי וועלן מיטגיין מיט די אוּמּוֹת הָעוֹלָם לוחם זיין** [נגד מלך המשיח]**. ביי מלחמת גוג ומגוג וועלן מיטגיין די פְּרִיצֵי יִשְׂרָאֵל מיט די אוּמּוֹת הָעוֹלָם,** [צו] **לוחם זיין מיטן מלך המשיח.**

[און] **איך האָב געשריבן**[לח] **בשם גדול אחד**[לט] [וואָס] **ער איז זיך מַתְמִיהַּ** [דערויף]**, ווי קען עפּעס זיין** [אַז] **אידן זאָלן גיין** [ללחום נגד משיח צדקנו]**.**

קה

**ס'שטייט אַרויס** [אַזוי] **אין זוהר הקדוש, אין פרשת שמות שטייט עס אין זוהר הקדוש, ברענגט ער** [אַז] **אַלע מַלְכֵי אוּמּוֹת וועלן זיך צוזאַמנעמען** [צו] **לוֹחֵם זיין מיטן מֶלֶךְ הַמָּשִׁיחַ, ביי מלחמת גוג ומגוג, ומפריצי ישראל**[מ] **ילכו עִמָּם ללחום נגד מלך המשיח.**

---

[לז] **בזוהר הק'** (שמות דף ז:)**:** רַבִּי שִׁמְעוֹן זָקַף יְדוֹי וּבָכָה וְאָמַר, וַוי מַאן דְּיִזְדַּמַּן בְּהַהוּא זִמְנָא, וְזַכָּאָה חוּלָקֵיהּ מַאן דְּיִזְדַּמַּן וְיִשְׁתְּכַח בְּהַהוּא זִמְנָא. וַוי מַאן דְּיִזְדַּמַּן בְּהַהוּא זִמְנָא, בְּגִין דְּכַד יֵיתֵי קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא לְפַקְדָא לְאַיַּילְתָּא (היא השכינה הק')**,** יִסְתַּכֵּל מַאן אִינּוּן דְּקַיְימִין בַּהֲדָהּ, בְּכָל אִינּוּן דְּמִשְׁתַּכְּחֵי עִמָּהּ, בְּכָל עוֹבָדוֹי דְּכָל חַד וְחַד, וְלָא יִשְׁתְּכַח זַכַּאי, דִּכְתִיב (ישעי' סג, ה) וְאַבִּיט וְאֵין עוֹזֵר, וְכַמָּה עַקְתִין עַל עַקְתִין לְיִשְׂרָאֵל. זַכָּאָה מַאן דְּיִזְדָּמַן וְיִשְׁתְּכַח בְּהַהוּא זִמְנָא, בְּגִין דְּהַהוּא דְּיִתְקַיֵּים בְּהַהוּא זִמְנָא בִּמְהֵימְנוּתָא, יִזְכֶּה לְהַהוּא נְהִירוּ דְּחֶדְוָה דְּמַלְכָּא. וְעַל הַהוּא זִמְנָא כְּתִיב (זכריה יג, ט) וּצְרַפְתִּים כִּצְרוֹף אֶת הַכֶּסֶף וּבְחַנְתִּים כִּבְחוֹן אֶת הַזָּהָב וְגוֹ'.

לְבָתַר דְּאִינּוּן עַקְתִין מִתְעָרֵי עַל יִשְׂרָאֵל, וְכָל עַמִּין וּמַלְכֵיהוֹן יִתְיַיעֲטוּן כַּחֲדָא עֲלַיְיהוּ, וּמִתְעָרֵי כַּמָּה גְּזֵירִין בִּישִׁין, כֻּלְּהוּ סַלְקֵי בְּעֵיטָא חֲדָא עֲלַיְיהוּ, וְיֵיתוּן עַקְתָא עַל עַקְתָא, בַּתְרַיְיתָא מִשְׁכְּחָן קַמַּיְיתָא, כְּדֵין יִתְחֲזֵי חַד עַמּוּדָא דְּאֶשָּׁא, קָאִים מֵעֵלָּא לְתַתָּא, אַרְבְּעִין יוֹמִין, וְכָל עַמִּין דְּעָלְמָא חָמָאן לֵיהּ. בְּהַהוּא זִמְנָא יִתְעַר מַלְכָּא מְשִׁיחָא לְנַפְקָא מִגּוֹ גִּנְתָּא דְּעֵדֶן וכו', וְיִתְעַר בְּאַרְעָא דְּגָלִיל, וְהַהוּא יוֹמָא דְּיִפּוֹק לְתַמָּן, יִתְרְגַז כָּל עָלְמָא, וְכָל בְּנֵי עָלְמָא מִתְחַבְּאִין גּוֹ מְעָרְתֵּי וְטִנָּרֵי, דְּלָא יַחְשְׁבוּן לְאִשְׁתְּזָבָא. וְעַל הַהוּא זִמְנָא כְּתִיב (ישעי' ב, יט) וּבָאוּ בִּמְעָרוֹת צוּרִים וּבִמְחִלּוֹת עָפָר מִפְּנֵי פַּחַד ה' וּמֵהֲדַר גְּאוֹנוֹ בְּקוּמוֹ לַעֲרוֹץ הָאָרֶץ. מִפְּנֵי פַּחַד ה', דָּא הַהוּא רְגִיזוּ דְּכָל עָלְמָא. וּמֵהֲדַר גְּאוֹנוֹ, דָּא מָשִׁיחַ. בְּקוּמוֹ לַעֲרוֹץ הָאָרֶץ, כַּד יְקוּם וְיִתְגְּלֵי בְּאַרְעָא דְּגָלִיל, בְּגִין דְּאִיהוּ הוּא אֲתַר קַדְמָאָה דְּאִתְחָרְבָא בְּאַרְעָא קַדִּישָׁא, וּבְגִין כַּךְ יִתְגְּלֵי תַּמָּן קַדְמָאָה לְכָל אֲתָר, וּמִתַּמָּן יִתְעַר קְרָבִין לְכָל עָלְמָא וכו'.

וְיִתְגְּלֵי לְבָתַר מָשִׁיחַ, וְיִתְכַּנְּשׁוּן לְגַבֵּיהּ עַמִּין סַגִּיאִין, וְיִתְעַר קְרָבִין בְּכָל עָלְמָא. וּבְהַהוּא זִמְנָא יִתְעַר קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא גְּבוּרְתֵּיהּ לְכָל עַמִּין דְּעָלְמָא, וּמַלְכָּא מְשִׁיחָא יִתְיְדַע בְּכָל עָלְמָא, וְכָל מַלְכִין דְּעָלְמָא יִתְּעָרוּן לְאִתְחַבְּרָא לְאַגָּחָא קְרָבָא בֵּיהּ. וְכַמָּה מִפְּרִיצֵי יְהוּדָאִין, יִתְהַפְּכוּ לְאַהֲדְרָא לְגַבַּיְיהוּ, וְיֵיתוּן עִמְּהוֹן, לְאַגָּחָא קְרָבָא עַל מַלְכָּא מְשִׁיחָא. כְּדֵין יִתְחַשַּׁךְ כָּל עָלְמָא חֲמֵשׁ עֶשְׂרֵה יוֹמִין, וְסַגִּיאִין מֵעַמָּא דְּיִשְׂרָאֵל יְהוֹן מֵתִין בְּהַהוּא חֲשׁוֹכָא, וְעַל דָּא כְּתִיב (ישעי' ס, ב) כִּי הִנֵּה הַחֹשֶׁךְ יְכַסֶּה אֶרֶץ וַעֲרָפֶל לְאוּמִּים.

[לח] בקונטרס על הגאולה ועה"ת (בסימן סא-סג) שהוכן לדפוס באותן הימים, ועיין שם כל הענין בארוכה.

[לט] הוא הרה"ק רבי שאול בראך זצ"ל אב"ד קאשוי, בהקדמת ספרו אבות על בנים (וכמו שמזכיר רבינו בס"ג שלח, ובעל הגאולה ועה"ת שם)**.** וז"ל שם**:** ואעתיק הֵנָּה דבר שנצטערתי בו הרבה, שראיתי בזוהר הקדוש, שבמלחמת גוג ומגוג יהיו ישראלים בין חיילותיו של גוג, והיתכן שימצאו בישראל אנשים שילחמו נגד מלך המשיח. ○ ונדחקתי תמיד, שישראל יהיו תמיד בין אומות של גוג, ויכריחו אותם ללחום נגד מלך המשיח. אולם זה דוחק, דנראה מדברי רבותינו ז"ל שבעת מלחמה זו כבר יהיו ישראל מקובצים במקום אחד תחת מלך המשיח, וגוג ילחום נגד כלל ישראל.

ומצאתי ברש"י (זכרי' יג, ח) על הפסוק פִּי שְׁנַיִם בָּהּ יִכָּרְתוּ, בשם אגדה, דלכך כתיב (שם, ט) וְהֵבֵאתִי אֶת הַשְּׁלִשִׁית בָּאֵשׁ, שיסבלו מקצת גרים מעכו"ם בצרות חבלי משיח ומלחמת גוג ומגוג עם ישראל, ומשם יבחנו כי גרי אמת הן, כי הרבה מהם ישובו לסורם ויתחברו עם גוג, עד כאן דבריו. ושמחתי מאוד באגדה זו, דהם דינם כישראל מאחר שנתגיירו, ואלו הגרים שחזרו לסורם, ילחמו בחיילות גוג נגד ישראל.

[מ] ועיין בספר דניאל (יא, יד) וּבְנֵי פָּרִיצֵי עַמְּךָ יִנַּשְּׂאוּ לְהַעֲמִיד חָזוֹן וְנִכְשָׁלוּ. ומפרש במצודות דוד**:** וּבְנֵי פָּרִיצֵי עַמְּךָ. רצה לומר רשעי ישראל. יִנַּשְּׂאוּ, ירוממו את עצמם להעמיד חזון, אבל יוּכְשָׁלוּ, כי ימותו ויאבדו בעבור זה. [ובמצודות ציון שם**:** פָּרִיצֵי. רשעים הפורצים גדר האמת והצדק].

KolSatmar.com

קו

וביארתי אז דאין זה תמוה כל כך כי אנו רואין כן בחוש אצל הרשעים הציונים, שהם לוחמים גם עתה נגד ה' ותורתו, ולהעביר את ישראל מן הדת, וזה מגמתם כל היום. וכל חקיהם הם בשלילת והיפוך התורה והאמונה

[נאָר] **איך האָב שוין דאָס פאָריגע מאָל' גערעדט דערפון** [און] **מַסְבִּיר געווען,** [כי] **בעונינו הרבים דאָס זעט מען** [בחוש] **דעם אזדווג לפטרונם.**

**בעונינו הרבים, דאָס איז 'די' חיילים, 'דעס' מיליטער, פון דעם מלכות המינות רחמנא ליצלן. וואָס זיי האָבן זיך פאַרלייגט אויף די נְקוּדָה פון אֱמוּנָה.**

**בְּכָל פְּסִיעָה וּפְסִיעָה פאַרלייגן זיי זיך אויף די נְקוּדָה פון אֱמוּנָה,** [און] **זיי האָבן שוין בעונינו הרבים רובא דרובא מישראל אַראָפּגעבערענגט, אַראָפּגעפירט פון דער אֱמוּנָה.**

**און מיט די אַלע גְּזֵירוֹת** [שגוזרים, כוונתם רק להעביר על הדת והאמונה], **צי מיט ניתוחי מתים אפילו, איז אויך 'דאָס' דער מְכֻוָּן, אַראָפּצוברענגען** [אידן] **פון** [אמונת] **הַשְׁאָרַת הַנֶּפֶשׁ**[מא]**, אַוועקצונעמען לְבָבוֹת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל** [מהאמונה בעולם האמת, ובתחיית המתים].

**ס'איז נישטאָ** [ביי זיי] **אַזאַ גרויסע אינטערעסע** [ווי] **וואָס מ'האָט פאַר 'דעם'** [לעקור האמונה מלבות בני ישראל, ואין אצלם דבר אחר] **זיך אַזוי מוֹסֵר נֶפֶשׁ צו זיין דאָס צו טון** [ווי אויף דעס].

**און אַזוי כָּהֵנָּה וְכָהֵנָּה, איך דאַרף נישט אויסצורעכענען.**

קז

**און בְּפֵירוּשׁ** [כתבו כן בחקיקת משפטיהם], **דאָס אַליין, כָּל הַחֻקִּים וּמִשְׁפָּטִים** [שלהם,

---

[מא] קישור נפש האדם בו גם אחרי מותו, ודיני שמים בשכר ועונש לאחר הפטירה, ובו תלוי גם אמונת תחיית המתים. - וז"ל רבינו בענין גזירת ניתוחי מתים **בדברי יואל מכתבים** (ח"א, מכתב פה): ראיתי מה שכתבו בזה **הרבנים הגאונים הביד"צ שליט"א**, וכל דבריהם ברורים שאין צורך להוסיף עליהם, וכבר החליטו **הנודע ביהודה** (מהדו"ת יו"ד סימן רי) **והחתם סופר** (בשו"ת יו"ד סימן שלו) שאין שום היתר בזה, ומה שהוא להתלמד אין בו דין פיקוח נפש ולא נמצא אחריהם בשום פוסק איזה קולא בזה, ועיין **בשו"ת השיב משה** (סימן יג) דהרי בכל הורג נפש שהלכה היא שהורגין אותו ואם ינתחו את המת יראו לפעמים שהוא טריפה והורג את הטריפה פטור, אף דהרוב המה כשרין, וגם אי אפשר לברר כראוי, אבל אין הולכין בפקוח נפש אחר הרוב, ועכ"פ אם יומתו ויבדקו כמה דאפשר יראו לפעמים שהוא טריפה, ויהיה בזה הצלת נפש, ומכל מקום אסור לנוול את המת.

**ובשו"ת דברי חיים** (ח"ב יו"ד סימן קלז) כתב שבזיון המת הוא חמור מבזיון ספר תורה. וידוע דברי חז"ל (סנהדרין קב:) שגם אחאב מסר נפשו ונפש כל בני ביתו עבור בזיון ספר תורה. והנה כל הפוסקים דיברו רק מבזיון וניוול המת שהוא לשעה, שגם זה חמור מאוד, אבל לעכב עוד את המת ככה שנה תמימה כמו שהוא בהצעת החוק, זה חמור עוד הרבה יותר, שמלבד שעוברין עוד בכל השנה כל יום ויום על לא תעשה ועשה במניעת הקבורה (סנהדרין מו. ורמב"ם סנהדרין טו, ז-ח), אבל גם תסמר שערות אנוש על גודל הצער שיש לנפש המת בזה, כמבואר **בזוהר הק'** (ויקרא פה:) ובפוסקים, גם אי אפשר לומר אחריו קדיש שנה תמימה. גם מה שכתבו בהצעת החוק ליקח איברים לצורך אדם אחר, זה חמור עוד יותר מכמה טעמים.

והנה חשבתי לכתוב איזה הערות בביאור הלכה זו בכל הפרטים, אף שלא נצרכה אלא להעדפה, אבל יען נסתובב שבאתי פה המרחץ ואין לי כאן הספרים לכתוב המראה מקומות, ולא רציתי לעכב עוד התשובה, לכן הנני כותב רק בקצרה, כי באמת די מה שהביאו בזה הרבנים הגאונים הביד"צ שליט"א, **ולא ירהיב שום אדם להקל בזה, זולת מי שאינו מאמין בהשארת הנפש, כי מי שהוא מאמין בהשארת הנפש יודע שנפשות הוא חובל בזה, ומי לא ייֵרא לנפשו לנגוע בנפשות מתי ישראל. והרא"ה ז"ל בספר החינוך** (מצוה רסד) **כתב בטעם האבילות** שחייבו חכז"ל, **כדי להשריש האמונה בלב**, כי הבלתי מאמינים סוברים שכמיתת הבהמה מיתת האדם, ועל כן **כדי להוציא דעה הזרה הזו של האפיקורסים מן הלב, חייבו חכמים אבילות, שידעו שאין מיתת האדם כבהמה.** וככה הוא גם בזה, שהכופרים שאין מאמינים בהשארת הנפש ובדין שמים שאחר מיתה, סוברים שהופקר לעשות עם מתי האדם כמו עם מתי הבהמה, ועל כן כדי להשריש המינות והכפירה ח"ו בלבות בני ישראל, עושים האפיקורסים חוקים כאלה, לעשות עם המתים כרצונם שנה תמימה, שיהיה מושכח מן הלב ענין השארת הנפש ודין שמים, כאשר זה דרכם בכל חוקותיהם, שהמה נגד עיקרי האמונה ויסודי דת תורתינו הק'. השי"ת ירחם ויצילנו חיש מהר מגלות המר והנמהר, וישלח לנו משיח צדקינו במהרה בימינו אמן.

KolSatmar.com

איז] **לֹא יִזָּכֵר וְלֹא יִפָּקֵד אַז ס'איז דאָ אַ תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה אויף דער וועלט**[מג].

**די גרעסטע עבירה** [אצלם] **איז אַז מ'זאָגט כְּפִיָּה דָתִית**[מב].

קח

**'דאָס' איז עס!** [מה שמבואר בזוהר על פריצי ישראל שישתתפו עם גוג ומגוג ללחום נגד מלך המשיח, שזה כולל לעכב ביאתו ח"ו].

[און] **ס'איז נאָך אַזוינס נישט געווען בָּעוֹלָם, מיום שהיתה** [ישראל] **לגוי.**

קט

**ווי איך האָב דאָס געזאָגט**[מג].

**ס'איז דאָך בעונינו הרבים חרב בא לעולם על עינוי הדין, ועל המורים שלא כהלכה** (אבות ה, ח). [ומאמר המשנה הזאת] **איז געזאָגט** [אפילו] **ווען מ'נעמט אַרויס יחידים** [להורות שלא כהלכה], **צי ס'טרעפט זיך אַמאָל** [ביי] **אַ דין אַן עינוי הדין, און אַן עיוות הדין.**

**אָבער** [אַז] **מ'זאָל בִּקְבִיעוּת אַרויסגעבן - בְּכַוָּנָה מְכֻוֶּנֶת - חֻקִּים וּמִשְׁפָּטִים וואָס ס'איז חַס מִלְּהַזְכִּיר אַ תורה הקדושה, מ'איז מְסַלֵּק ווי גלייך ס'איז גאָרנישט דאָ קיין תּוֹרָה אויף דער וועלט, אַז דאָס קאָן זיין אַ 'מְלוּכַת יִשְׂרָאֵל' בעונותינו הרבים, און ס'איז נאָך דאָ אידן וואָס ער זאָגט אַמאָל קְרִיאַת שְׁמַע און** [ער] **גייט נאָך מיט מיט זיי, אַזוי 'אַוועקצולייגן אינגאַנצן' די תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה, דאָס איז לֹא יְאוּמַן כִּי יְסֻפָּר**[מד].

קי

וזה מרומז בלשון הפסוק יִתְיַצְּבוּ מַלְכֵי אֶרֶץ 'וְרוֹזְנִים' נוֹסְדוּ יָחַד, עַל ה' וְעַל מְשִׁיחוֹ.

דלכאורה כיון שכבר הזכיר יִתְיַצְּבוּ 'מַלְכֵי אֶרֶץ', מה בא לרבות עוד באומרו 'וְרוֹזְנִים' נוֹסְדוּ יָחַד

**דאָס איז דער פְּשַׁט, יִתְיַצְּבוּ מַלְכֵי אֶרֶץ 'וְרוֹזְנִים' נוֹסְדוּ יָחַד, עַל ה' וְעַל מְשִׁיחוֹ.**

**לכאורה איז אַ קַשְׁיָא,** [שהרי באומרו] **"מַלְכֵי אֶרֶץ" זענען אַלע מְלָכִים** [נכללים בזה, ואם כן] **ווער זענען די "רוֹזְנִים".**

**זאָגט מען פְּשַׁט**[מה] [אַז] **מיינט מען די שָׂרִים.**

[אמנם אכתי לא מובן, שהרי] **נו אַוודאי גייט אַ מלך מיט מיט די שָׂרִים, מיט די יוֹעֲצִים**[מו], **יעדער מֶלֶךְ האָט דאָרט** [זיין] **מיניסטאָריום, וואָס דאַרף ער זאָגן** [רוֹזְנִים], **געווען** [אַז ער זאָגט] **מַלְכֵי אֶרֶץ.**

קיא

אמנם לפי דברי הזוהר ניחא, דבא לרבות אותה מלכות המינות, שאין זה מכלל מלכי ארץ של הע' שרים, רק הוא ענין מיוחד שהעמיד הס"מ מצד הקליפה, ועל שריהם הוא שאמר 'וְרוֹזְנִים' נוֹסְדוּ יָחַד עַל ה' וְעַל מְשִׁיחוֹ

**נאָר לויט דעם זוהר הקדוש, פאַרשטייט מען וואָס דאָס איז, און 'ווער' זענען די רוזנים.** [ווייל] **'די' זענען נישט פון די 'מַלְכֵי אֶרֶץ'.**

---

[מב] לכוף אחרים עבור איזה ענין של תורה ודת.

[מג] בשבוע שלפניו האריך רבינו בזה, בסוף ס"ג שופטים תשכ"ז. ועיין שם בהערות באורך, ואין צורך לכפול.

[מד] לשון המורגל בספרים, ומקורו בחבקוק (א, ה) רְאוּ בַגּוֹיִם וְהַבִּיטוּ וְהִתַּמְּהוּ תְּמָהוּ, כִּי פֹעַל פֹּעֵל בִּימֵיכֶם לֹא תַאֲמִינוּ כִּי יְסֻפָּר. ופירש במצודות דוד: הן ידעתי לא תאמינו אם יסופר, כי הוא דבר היוצא מהיקש הטבעי, שקשה להאמין.

[מה] כן פירשו במצודות דוד, ובפי' המלבי"ם, בתהלים שם.

[מו] וכמו שפירש המלבי"ם שהם שָׂרֵי הָעֵצָה, עיי"ש.

די **מַלְכֵי אֶרֶץ** [מיינט די וואָס זיי זענען געשטעלט] **מִן הַשָּׁמַיִם, די ע' אומות האָבן** [יעדער] **אַנדערע שָׂרִים, יעדער האָט אַ שַׂר.**

[אָבער די רשעי ישראל] **'די' זענען נישט אין כלל** [פון מלכי ארץ, נאָר] **זיי האָבן זיך 'אַריינגעשטופט' צווישן די מַלְכֵי אֶרֶץ, אָבער דאָס האָט מען נישט אַראָפּגעגעבן מִן הַשָּׁמַיִם,** [נאָר] **דאָס האָט דער ס"מ אַראָפּגעשטעלט זיינע חיילים, דאָס זענען** [טאַקע] **די 'שָׂרִים' פון די קליפות פון די שרי הטומאה, זיי זענען 'רוֹזְנִים', אָבער נישט פון די 'מַלְכֵי' אֶרֶץ.**

דאָס זאָגט דער פסוק, **יִתְיַצְּבוּ מַלְכֵי אֶרֶץ "וְרוֹזְנִים" נוֹסְדוּ יָחַד עַל ה' וְעַל מְשִׁיחוֹ.**

קיב

ופעולות אלו הרשעים הוא 'התחלת' והכנת מלחמת גוג ומגוג, מה שילחמו האומות עם מלך המשיח, והוא יפיל אותם. ועליהם אמרו בזוהר שמפריצי יהודאין ישתתפו במלחמה זו

**און דעס איז דער 'אָנהייב' פון די אַרבעט** [ממה שילחמו נגד מלך המשיח]**, דאָס איז די התחלה.**

[כי מלחמת גוג ומגוג] **דאָס האָט זיך בעונינו הרבים שוין אָנגעהויבן.**

**'די' גרייטן צו** [די מלחמה נגד מלך המשיח].

**דאָס איז 'די' חיילים - וואָס ס'איז** [נאָך] **דאָ אידן** [וואָס] **קומען אין בית המדרש און** [זיי] **פרייען זיך מיט זיי, - 'די' זענען אָנגעגרייט צו גיין קעגן מֶלֶךְ הַמָּשִׁיחַ, 'דאָס' זענען די לוֹחֲמִים אַקעגן מֶלֶךְ הַמָּשִׁיחַ.**

[וגם עכשיו כוונתם בהעברתם על הדת והאמונה, ווייל] **זיי ווילן 'אויפהאַלטן' די גְאוּלָה.**

**און ווען מָשִׁיחַ וועט קומען, וועלן 'זיי' מיטגיין מיט די אומות, טאַקע ממש לוֹחֵם זיין** [בפועל, עם משיח צדקינו].

**קיין אַנדערע** [פריצי ישראל] **איז נישטאָ אויף דעם, וואָס דער זוהר הקדוש זאָל מיינען,** [נאָר] **אַז 'זיי' וועלן מיטגיין מיט די אומות** [צו] **לוֹחֵם זיין מיטן מֶלֶךְ הַמָּשִׁיחַ**[מז].

קיג

**ישוב קושיא א – בגמרא דברכות**

ובזה מיושב קושיית הצל"ח, דהלא כבר היו כמה רשעים שמרדו בקונם. כי מרידה גמורה כזו שעושים רשעים האלו נגד האמונה, אשר כל מגמתם הוא לעקור האמונה מלבבות ישראל, ולנתק הקשר שבין ישראל לאביהם שבשמים, זה לא היה עדיין מעולם בשום רשע עד החיילות האלו של גוג ומגוג

**דאָס קען זיין איז דער פְּשַׁט** [בדברי הגמרא ברכות].

**אַז מ'וועט אָנקוקן אַזוינס** [שגם מזרע ישראל ישתתפו במלחמת גוג ומגוג, על זה יתמהו האיך אפשר להיות כזאת].

[כי הגם] **ס'איז געווען נִמְרוֹד** [און] **ס'איז געווען פרעה** [אשר גם הם כפרו בעיקר, אָבער]

---

[מז] **ועיין בויואל משה** (א, כד) מה שכתב רבינו בביאור לשון התרגום יונתן (בשיר השירים ח ד) בפסוק מַה תָּעִירוּ וּמַה תְּעֹרְרוּ, שמתרגם מַה דֵּין אַתּוּן מִתְגָּרִין בְּעַמֵּי אַרְעָא לְמֵיפַּק מִן גָּלוּתָא, וּמַה דֵּין אַתּוּן מָרְדִין בַּחֲיָלוֹתָיו [פי' עִם חיילותיו] דְּגוֹג וּמָגוֹג וכו'. וכתב שם במוסגר וז"ל: מה שאמר בַּחֲיָלוֹתָיו דְּגוֹג וּמָגוֹג, אף כי מִלְחֶמֶת גוג ומגוג יהיה אחר ביאת המשיח עם מלך המשיח, אבל הַחֲיָלוֹת דגוג ומגוג המה מאותן הרשעים המצערים ולוחמים עם ישראל גם קודם ביאת המשיח. כי לא יעמדו אחר ביאת המשיח רשעים חדשים בתחיית המתים לבוא וללחום עם מלך המשיח, אלא הרשעים הארורים הסובלים מהם קודם ביאת המשיח, הן המה אשר יהיו אחר ביאת המשיח חֲיָלוֹתָיו דְּגוֹג וּמָגוֹג.

KolSatmar.com

**די קַשְׁיָא** [איז] – [ווי] **איך זע דאָך**[מח] **אַז ס'איז דאָ** [גם] **גְּדוֹלִים וואָס זיי וואונדערן זיך** [טאַקע אויף דעם], – [כי היתכן אַז] **'אידן' זאָלן מיטגיין?**

[וזהו שאמרו בגמרא, שאם יאמר לך אדם כלום] **יש 'עֶבֶד',** [שהרי] **'אידן' אפילו** [ווען זיי זענען] **אֵין עושין רצונו של מקום הייסן זיי** [על כל פנים] **'עבדים' למקום**[מט], [מה שאין כן הגוים] **זיי הייסן נישט** [אפילו] **קיין 'עבדים' פאַרן באַשעפער.**

קיד

וזה ביאור הגמרא שאם יאמרו כלום יש 'עבד' שמורד ברבו, כי ישראל אפילו כשחוטאים ואינם קרויין 'בנים' למקום, מכל מקום עדיין קרויין 'עבדים' למקום, וזה רומז דהתמיהה הוא כי האיך יתכן שאף 'מזרע ישראל' ישתתפו במלחמה כזו שמתייצבים על ה' ועל משיחו, אשר זהו באמת תמיהה גדולה שעדיין לא היתה כזאת מעולם

**דאָס איז דער פְּשַׁט אין די גמרא.**

**ביי מלחמת גוג ומגוג שטייט דאָך 'וְרוֹזְנִים' נוֹסְדוּ יָחַד, אַז 'אידן' וועלן מיטגיין,** [ולזה שמא יאמר לך אדם] **כלום יש 'עבד' שמורד ברבו.**

[ולכן הביאו ראיה רק מאבשלום, ווייל] **דעס איז טאַקע 'הָוָה',** [כי בן היה מורד באביו אף שהיה מזרע ישראל. אבל מנמרוד ופרעה אין ראיה] **ווייל 'דעס' איז נאָך טאַקע נישט געווען** [שגם מזרע ישראל ימרדו ח"ו עבדים באדונם].

**איז פאַרענטפערט דעם צְלַ"ח'ס קַשְׁיָא,** [וואָס] **ער פרעגט ס'איז געווען** [גם נמרוד ופרעה]. **אָבער 'דאָס' איז נישט געווען נאָך,** [אַז] **'אידן'** [זאָלן אַזוי זיין ח"ו].

**אַזאַ גאַטונג** [מרידה], **אַזאַ מִין איז נישט געווען.** [אַז] **אידן וואָס זענען געווען צווישן אידן געווען פריערער** [שהרי נולדו מזרע ישראל, און] **זיי האָבן געהאַט אַמאָל עלטערן** [יראים ושלמים].

קטו

ואף שמצד נשמותם באמת אינם משורש בני ישראל, רק משורש האומות כמו שכתב הרמב"ם, או משורש המזיקין ושדין כמו שכתב הרשב"א, ובזוהר מבואר שיש בהערב רב המעורבין בישראל כמה בחינות שונות, ונמצא דתרווייהו איתנייהו. אבל מכל מקום כיון שמצד 'גופם' נולדו מזרע ישראל, על כן שפיר נרמזו בלשון 'עבד' שמורד ברבו

**כאָטשיג די נְשָׁמוֹת** [שלהם] **זענען – ווי דער רשב"א זאָגט**[נ] **– פון מַזִּיקִים** [ושדין ורוחין], **און דער רמב"ם זאָגט**[נא] [כי בידוע] **שלא עמדו אבותיהם על הר סיני, אַז די נשמות** [שלהם] **זענען פון 'דאָרטן'** [משורש האומות והקליפות][נב].

---

[מח] בדברי האבות על בנים, וכדלעיל בסוף אות קד.

[מט] כמבואר בגמרא בבא בתרא (י.), ועוד.

[נ] **בשו"ת הרשב"א חלק א'** (סימן תיד): על מה שמקצת אנשי הארץ הלזו מתמידים ושוקדים על ספרי הַיְּוָנִים, ומחברים ספרים בתורה ודורשים בהם הגדות של דופי וכו'. חלילה לך, כי על זה גדלה הזעקה את פני ה', שהמתמיד בהם עושה אותם עיקר ועוקר תורת ה' וכו', כי באמת המתמיד בהם, מן החרב אשר בידם לא נשמר, וישים מר למתוק ומתוק למר, כי הדברים מושכים את הלב בעבותות אהבה, וסופם כסופה מעורר על תורת אמת מסה ומריבה, לפי שכל דבריהם בנויין על הטבע, ובני אדם אשר בעפר יסודם ימשכם הטבע בחוט הסרבל, ובלבם על התורה יחבל, 'ויצר' סמוך על דבריהם את 'יוצרו' רָב וכו'. ואשר הספרים ההם נושרים מחיקון, ושם בהם כל ימותיו חשקו, איך לא יגרע מתורות אמת חקו, באמת אי אפשר להתקבץ שני הפכים ביחד בזמן אחד וכו'.

גם שמעתי גם ראיתי את הלחץ אשר הם לוחצים ונחלצים כנגד התורה וחכמיה, וכמעט עוקרין כל תחומיה. ומי מהם ימלט את נפשו וכו'. ולנו ללמוד ולירא ממה שאמרו (סנהדרין ק:) על [ספר] בן סירא, שעם היות בו קצת דברים נאים עד שהביאום חכמינו בגמרא, ופעמים יכנום בשם מקרא (ב"ק צב: תוד"ה משולש), ולפי שיש בו דברים בטלים אסרו להגות בו (סנהדרין שם), כל שכן באלה שגורמים לסור מאחרי ה', היחוק אדם בלבו דברים כנגד התורה וידיו לא תבצענה, היחתה איש אש בחיקו ובגדיו לא תשרפנה וכו', וזה באמת הגורם הגדול להסיר אנשים המסוה מעל פניהם, ולחוק שוא ודבר כזב בספריהם, למרות עיני התורה השלימה וכו'. ודעת

KolSatmar.com

דאָס איז דאָך [מבואר בזוהר], דער רמב"ם מיטן רשב"א שטייט אַרויס אין זוהר[נג], די ביידע שיטות[נד].

---

אנשים אלו מהשם ומעבודתו נגרע, וחוזרים לסורם הרע, כי לא שמענו רק רע. האנשים האלה תיפח רוחם ותאכלם אש לא נֻפָּח, וצורם לבלות שאול, כי אין די בזכות אבות לגאול וכו׳.

ואותם אנשים האנושים שאמרת, שמגלים פנים וכו׳, אך מן התימה, הצנועים איך ימשכו את ידיהם, מלהוכיח אותם על פניהם, שלא יקלו ראשם לדרוש ברבים דבר שובב מגדל לבב וכו׳. ואשר חקק חקקי און ואמר עם הספר שאברהם ושרה הן חומר וצורה, לא תמלט נפשו מצרה, ואם חי הוא ימות בצרה כמבכירה, ואם מת לא תהא לו כפרה. ובאמת האיש ההוא העיד - ונאמן על עצמו יותר ממאה עדים - שאינו מזרעו של אברהם, ותפלתו לא ישמע קֶל, שאינו אפילו מזרעו של עשו וישמעאל, רק מאותן שדין ולילין שנולדו מחוה ואדם הראשון, על כן תקללם בכל לשון, וכל ישראל נקיים וכו׳. ובעל הכרם יכלה את קוציו, וישמח אברהם ביוצא חלציו.

[נא] באגרת תימן להרמב"ם (פרק ג): ואל יבהילו אתכם השמדות אם תכפו אתכם, ואל יפחיד אתכם תוקף יד האויב עליהם וחלישת אומתנו. שכל הענין הזה אינו רק נסיון ובחינה, להראות אמונתכם וחבתכם בעולם, ושלא יחזיקו בדת האמת בעתות כאלו אלא החכמים יראי ה׳ מזרע יעקב הזרע הטהור והנקי שנאמר עליהם (יואל ג, ה) וּבַשְּׂרִידִים אֲשֶׁר ה׳ קֹרֵא, ביאר שהם יחידים, והם האנשים שעמדו אבותם על הר סיני ושמעו הדיבור מפי הגבורה ושלחו ידיהם ואמונתם לברית וקבלו על עצמם המעשה והקבלה ואמרו כֹּל אֲשֶׁר דִּבֶּר ה׳ נַעֲשֶׂה וְנִשְׁמָע (שמות כד, ז), וחייבו דבר זה עליהם ועל הבאים אחריהם, שכן כתוב (נצבים כט, כח) לָנוּ וּלְבָנֵינוּ עַד עוֹלָם. ○ וכבר הבטיחנו הבורא יתברך כאדם הנכנס עָרֵב לחבירו, ודי לנו בערבותו, והודיענו שכל מי שעמד על הר סיני, שהם מאמינים בנבואות משה רבינו בכל מה שבא על ידו, הם ובניהם ובני בניהם עד עולם, שכן אמר הקב"ה יתברך (שמות יט, ט) הִנֵּה אָנֹכִי בָּא אֵלֶיךָ בְּעַב הֶעָנָן בַּעֲבוּר יִשְׁמַע הָעָם בְּדַבְּרִי עִמָּךְ וְגַם בְּךָ יַאֲמִינוּ לְעוֹלָם. לפיכך יש לדעת, שכל מי שנטה מדרך הדת הנתונה במעמד ההוא, שאינו מזרע האנשים ההם. וכן אמרו רבותינו ז"ל (עי׳ נדרים כ.) על כל המסתפק בנבואה, לא עמדו ׳אבותיו׳ על הר סיני. המקום יצילנו ויצילכם מן הספק, וירחיק ממנו ומכם המחשבות המביאות לידי ספק ולידי מכשול.

[נב] אלא דיש חילוק בין דברי הרמב"ם והרשב"א, דהרמב"ם כתב על המינים שאינם מזרע ישראל ולא עמדו אבותם על הר סיני, והרשב"א כתב שאפילו מזרע האומות אינם, אלא מאותן שדין ולילין. (על הגאולה סימן סב).

[נג] בזוהר הק׳ בראשית (דף כה.): וְחָמֵשׁ מִינִין אִנּוּן בְּעֵרֶב רַב, וְאִנּוּן (סימן ׳נֶגַע רָע׳) נְ׳פִילִים גִּ׳בּוֹרִים עֲ׳נָקִים רְ׳פָאִים עֲ׳מָלֵקִים וכו׳. בִּלְעָם וּבָלָק מִסִּטְרָא דַּעֲמָלֵק הֲווּ, טוֹל ע"ם מִן בִּלְעָם ל"ק מִן בָּלָק אִשְׁתְּאַר בָּבֶל, כִּי שָׁם בָּלַל ה׳ שְׂפַת כָּל הָאָרֶץ (נח יא, ט). וְאִלֵּין אִנּוּן דְּאִשְׁתְּאָרוּ מֵאִלֵּין דְּאִתְּמַר בְּהוֹן (שם ז, כג) וַיִּמַח אֶת כָּל הַיְקוּם, וּמֵאִלֵּין דְּאִשְׁתְּאָרוּ מִנְּהוֹן בְּגָלוּתָא רְבִיעָאָה אִנּוּן רֵישִׁין בְּקִיוּמָא סַגֵּי, וְאִנּוּן קַיְימִין עַל יִשְׂרָאֵל כְּלֵי חָמָס, וַעֲלַיְיהוּ אִתְּמַר (בראשית ו) כִּי מָלְאָה הָאָרֶץ חָמָס מִפְּנֵיהֶם, אִלֵּין אִנּוּן ׳עֲמָלֵקִים׳.

׳נְפִילִים׳, עֲלַיְיהוּ אִתְּמַר (בראשית ו, ב) וַיִּרְאוּ בְּנֵי הָאֱלֹהִים אֶת בְּנוֹת הָאָדָם כִּי טוֹבוֹת הֵנָּה. וְאִלֵּין אִנּוּן מִינָא תִּנְיָינָא, מֵאִלֵּין נְפִילִים מִלְּעֵילָא וכו׳, אִנּוּן עֲזָ"א וַעֲזָאֵ"ל דִּמְנַיְיהוּ נִשְׁמָתְהוֹן דְּעֵרֶב רַב, דְּאִנּוּן "נְפִילִים", דְּאַפִּילוּ גַּרְמַיְיהוּ לִזְנוּת וכו׳, וּבְגִין דָּא אַפִּיל לוֹן קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא מֵעָלְמָא דְּאָתֵי, דְּלָא יְהֵא לוֹן חוּלָקָא תַּמָּן, וְיָהִיב לוֹן אַגְרַיְיהוּ בְּהַאי עָלְמָא, כְּמָא דְּאַתְּ אָמֵר (ואתחנן ז, י) וּמְשַׁלֵּם לְשׂוֹנְאָיו אֶל פָּנָיו לְהַאֲבִידוֹ וְגו׳.

׳גִּבּוֹרִים׳ מִינָא תְּלִיתָאָה. עֲלַיְיהוּ אִתְּמַר (בראשית ו, ד) הֵמָּה הַגִּבֹּרִים וְגו׳ אַנְשֵׁי הַשֵּׁם, וְאִנּוּן מִסִּטְרָא דְּאִלֵּין דְּאִתְּמַר בְּהוֹן (נח שם, ד) הָבָה נִבְנֶה לָּנוּ עִיר וְנַעֲשֶׂה לָּנוּ שֵׁם. וּבָנִין בָּתֵּי כְנֵסִיּוֹת וּמִדְרָשׁוֹת וְשַׁוְיָין בְּהוֹן סֵפֶר תּוֹרָה וַעֲטָרָה עַל רֵישׁוֹי, וְלָא לִשְׁמָא דַּה׳, אֶלָּא לְמֶעְבַּד לוֹן שֵׁם. הֲדָא הוּא דִכְתִיב וְנַעֲשֶׂה לָּנוּ שֵׁם, וְסִטְרָא אָחֳרָא מִתְגַּבְּרִין עַל יִשְׂרָאֵל דְּאִנּוּן כְּעַפְרָא דְּאַרְעָא, וְגָזְלִין לוֹן וְאִתְבָּרַת עֲבִידְתָּא, וַעֲלַיְיהוּ אִתְּמַר (ז, יט) וְהַמַּיִם גָּבְרוּ מְאֹד מְאֹד עַל הָאָרֶץ.

׳רְפָאִים׳ מִינָא רְבִיעָאָה. אִם יֶחֱזוּן לְיִשְׂרָאֵל בְּדוֹחֲקָא מִתְרַפִּין מִנַּיְיהוּ, וְאִית לוֹן רְשׁוּ לְשֵׁזָבָא לוֹן וְלָא בָּעָאן. וּמִתְרַפִּין מֵאוֹרַיְיתָא וּמֵאִלֵּין דְּמִשְׁתַּדְּלִין בָּהּ, לְמֶעְבַּד טַב עִם עוֹבְדֵי כּוֹכָבִים וּמַזָּלוֹת. עֲלַיְיהוּ אִתְּמַר (ישעי׳ כו, יד) רְפָאִים בַּל יָקוּמוּ, בִּזְמְנָא דְּיֵיתֵי פְּקִידָה לְיִשְׂרָאֵל אִתְּמַר בְּהוֹן (שם) וַתְּאַבֵּד כָּל זֵכֶר לָמוֹ.

׳עֲנָקִים׳ מִינָא חֲמִישָׁאָה. דְּאִנּוּן מְזַלְזְלִין לְאִלֵּין דְּאִתְּמַר בְּהוֹן (משלי א, ט) וַעֲנָקִים לְגַרְגְּרוֹתֶיךָ. וַעֲלַיְיהוּ אִתְּמַר (דברים ב, יא) רְפָאִים יֵחָשְׁבוּ אַף הֵם כַּעֲנָקִים, שְׁקִילִין דָּא לְדָא.

אִלֵּין אִנּוּן דְּאַהַדְרוּ עָלְמָא לְתֹהוּ וָבֹהוּ. וְרָזָא דְּמִלָּה דִּבְגִינַיְיהוּ חָרַב בֵּי מַקְדְּשָׁא, וְהָאָרֶץ הָיְתָה תֹהוּ וָבֹהוּ, דְּאִיהִי עִקָּרָא וְיִשּׁוּבָא דְּעָלְמָא. מִיָּד דְּיֵיתֵי אוֹר דְּאִיהוּ קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא, יִתְמְחוּן מִן עָלְמָא וְיִתְאַבְדוּן. אֲבָל פּוּרְקָנָא לָאו אִיהִי תַּלְיָא אֶלָּא בַּעֲמָלֵק עַד דְּיִתְמְחֵי, דְּבֵיהּ אוֹמָאָה, וְהָא אוּקְמוּהָ. [עכ"ל הזוהר].

ועיין באור החמה (לר"א אזולאי בעל חסד לאברהם) על הזוהר הקדוש (משפטים קכ.), שכתב בתוה"ד וז"ל: והם ערב רב, והם סוד נשמות מלילי׳ שזורקם אפילו בישראל, והם רשעי ישראל הנוספים באומות וכו׳. וענין עֲמָלֵק ירצה כל אותם שלקו עַם ה׳ על ידם, דהיינו עֵשָׂו וְיִשְׁמָעֵאל שהם ערבוביא בישא, שכולם נתערבו אלו באלו, וזרע עמלק נתערב בהם, דהיינו נשמות טמאות שלילי׳ זורקת בהם, כדי להרע לישראל וללקות אותם, ויש רשעי ישראל שהם נחשבים מכללם, וז"ש (בזוהר שם) "וערבוביא בישא דישראל", שהם פריצי ישראל, מְהָרְסַיִךְ

KolSatmar.com

**ער זאָגט** [בזוהר, שהכופרים הם מן הערב רב והעמלקים, ושיש בין הערב רב כמה מינים, ועל כן באמת] **ס'איז דאָ אַזעלעכע און אַזעלעכע, ס'איז דאָ אַזעלעכע וואָס זענען מַזִּיקִים ממש, און ס'איז דאָ אַזעלעכע וואָס זיי זענען פון די אוּמוֹת** [שנשמותיהם הם משורש נשמות הגוים, שהרי בתוך] **דאָס עֵרֶב רַב איז אַריינגעמישט פון אַלע אוּמוֹת פאַרשידענע,** [און] **ס'איז דאָ עֲמָלֵקִים** [דייקא].

**'פאַרשידענס' איז דאָ דערינען, צווישן זיי.**

[אבל מכל מקום כיון שמצד 'גופם' נולדו מזרע ישראל, על כן שפיר נרמז בלשון 'עבד' שמורד ברבו, ויש תמיהה רבה על זה].

**קטז**

ולזה אמרו בגמרא דלכן נסמכה פרשת אַבְשָׁלוֹם, שאם יתמהו על ככה שגם מזרע ישראל ימרדו בקונם, ויבואו להכחיש דברי הנביא שאמר 'וְרוֹזְנִים' נוֹסְדוּ יָחַד עַל ה', שזה רומז על השרים שברשעי ישראל וכמבואר. אז יוכלו להביא ראיה מאבשלום שהיה בן המורד באביו ובמלכות בית דוד, ואף שהיה מזרע ישראל

**איבערדעם איז פְּשַׁט אין די גמרא,** [שאם יאמר לך אדם] **כלום יש 'עבד' שמורד ברבו, אַז מ'וועט אָנקוקן אין דברי נביאים** [ווי ס'שטייט] **מַלְכֵי אֶרֶץ מיט 'רוֹזְנִים',** [שהאומות יתיצבו על ה'] **מיט אידן אינאיינעם,** [ומגודל התמיהה על זה יש לחוש שמא] **חס ושלום וועט מען נישט גלייבן אין דִּבְרֵי נְבִיאִים,** - [כי באמת הוא תמיהה גדולה ווי] **מ'זעט דאָך גאָר ס'איז טאַקע דאָ גדולים וואָס זיי וואונדערן זיך** [דערויף] **וויאַזוי קען דאָס זיין - וועט מען קלערן** [ח"ו להרהר על דברי נביא].

[איבערדעם] **זאָגט מען נייין,** [שאין זה קושיא, והראיה] **אַז ס'איז געווען אַבְשָׁלוֹם האָט מוֹרֵד געווען אין מַלְכוּת בֵּית דָוִד**[נה]**, ער האָט מוֹרֵד געווען אין טאַטן. זעט מען דאָך אַז ס'איז פאַרהאַנדן** [אפילו] **צווישן אידן אַזוינס,** [וממילא] **קאָן מען 'דאָס אויך' גלייבן**[נו]**.**

---

וּמַחֲרִיבַיִךְ מִמֵּךְ יֵצֵאוּ (ישעי' מט, יז), ואלו להם גם כן **נשמת ערב רב** וכו'. ומפני שבחטא אדם הראשון נתלבשה תבואה בד' קליפות וכו' יתלוו לנשמות הקדשות נשמות רעות מאלו הקליפות, **והם רשעי ישראל וחטאיהם, ולכך צריכים גלות**, לצרף וללבן ולברר אוכל מתוך פסולות, שמצטרפות הנשמות, דהיינו "עד שיתברר אוכל" דקאמר (בזוהר שם) "דהיינו ערב רב" ערבוביא בישא, הם נשמות רשעים פריצי ישראל המתערבים בהם.

[נד] ועיין עוד מזה **בויואל משה** (ג, כז), **ובבעל הגאולה ועה"ת** (סימן סא), **ודברי יואל וירא** (עמוד שנד) **וישלח** (עמוד קכ) **בשלח** (עמוד תכו) **ויקרא** (עמוד פ), **ודברי יואל מכתבים** (ח"א מכתב פ), **וס"ג נשא תשי"ד** (לשון קדשו קצד), **נח תשט"ו** (לשון קדשו קסז ח"ב), ועוד בכ"מ.

[נה] שהיא מרידה במלכות שמים, לפי סודן של דברים.

[נו] ועיין מה שחזר רבינו על ענין זה [טעם תוספות ביאור בלשון כלום יש "עבד"] **בדרשת הושענא רבה תשכ"ח** (אצל למענך אלקינו) וז"ל שם: **דער זיידע זכרונו לברכה אין ייטב פנים זאגט ער**, - ער זאגט אפילו [אויף בימיו], זעט אויס וואס ער האט געמיינט [על המשכילים שבימיו, נאָר] אף על פי כן פארשטיי איך עס ס'איז ענדערש גיכער [ברוה"ק], ס'איז נאך מער רוח הקודש דא דערינען [על דורות אלו]. - זאגט ער דארט [לפרש הפסוק] **עֲבָדִים מָשְׁלוּ בָנוּ פֹּרֵק אֵין מִיָּדָם** (איכה ה, ח), - [והוא בייטב פנים] ערגעץ ביי **די דרושים פון ראש השנה** ערגיץ, דאכט זיך מיר [דרוש] **נ"ב** - דארט זאגט ער א פלא, - [אַז] דאָס גלות פון די אומות איז נאך מיט חסד, דאָס קען מען נאך אויסהאלטן. נאר דאָס גלות פונעם עֵרֶב רַב [שבישראל], דאס איז [נקרא בחינת] **עֲבָדִים,** [על דרך הכתוב] כִּי לִי בְנֵי יִשְׂרָאֵל עֲבָדִים, [ועל הגלות] פונעם עֵרֶב רַב, [אמר הכתוב] **עֲבָדִים מָשְׁלוּ 'בָנוּ'**, אינעווייניג צווישן אונז, דיא וואָס זענען אויסגעמישט צווישן אידן [און] פארלייגן זיך אויף אידישקייט. ○ **לְעֵינֵינוּ עָשְׁקוּ עֲמָלֵנוּ** (נוסח הסליחות אצל הווידוי) טייטשט ער, [ווי] ס'שטייט (בהגדה ש"פ) **עֲמָלֵנוּ אֵלּוּ הַבָּנִים**, פאר אונזערע אויגן נעמט מען אידישע קינדער און מ'שמד'ט זיי אויס, **לְעֵינֵינוּ עָשְׁקוּ 'עֲמָלֵנוּ'** [אלו הבנים], אזוי טייטשט ער אין **יִיטַב פָּנִים**. - [ועל זה אמר הכתוב עֲבָדִים מָשְׁלוּ בָנוּ] **פֹּרֵק אֵין מִיָּדָם**, [ווייל] פון **גלות האומות** קען מען נאך ניצול ווערן, אבער **פון דעם גלות** איז זייער שווער, **דעס גלות פון די רשעי ישראל** וואָס זענען צווישן אידן. מיט דעם זאגט ער, **מָשְׁלוּ 'בָנוּ'** צווישן אונז, אזוי פארארבעט ער דארט.

ס'איז נישט צו פארשטיין, ס'איז נאכנישט געווען אויף אזא אופן דעמאָלטס **בימיו**, ס'איז [טאַקע] געוועזן

KolSatmar.com

### קיז

### ישוב קושיא ב – בגמרא דברכות

ומה שאמרו הלשון הכא נמי ׳הֲוָה׳, הכוונה לרמוז כי בזמן שיתקיים עיקר מלחמת גוג ומגוג, שזה יהיה לאחר התגלות מלך המשיח, אָז יתגלה האמת ויראו הכל למפרע כי מלחמה זו כבר התחיל עוד קודם ביאת המשיח, וכבר ״היה״ זה בעבר ע״י הרשעי ישראל

**און דאָס איז דער** [לשון] **׳הֲוָה׳.**

**הגם רש״י זאָגט** [דהכוונה] **סוֹפוֹ לִהְיוֹת, וואָרן דעמאָלטס בימי רש״י איז נאָך געווען סופו להיות, אָבער ווען ס׳וועט זיין די מִלְחֶמֶת גּוֹג וּמָגוֹג** [ממש, לאחר התגלות משיח צדקינו]**, וועט מען זען אַז דאָס האָט זיך שוין אָנגעהויבן ׳פריער׳, דאָס איז שוין געווען פריער.**

**איבערדעם שטייט אין די גמרא דעס לשון** [הכא נמי] **הֲוָה** [ואף שהיה ראוי לומר ׳יהיה׳]**, אלא מאי** [דבאו לרמוז בזה כי] **ווען דאָס וועט אַרויסקומען בפועל** [המלחמה עם מלך המשיח]**, וועט מען זען** [למפרע כי] **׳דאָס׳ איז עס, ׳דאָס׳ איז געווען ׳זייער׳ אַרבעט** [גם בעבר]**, דאָס האָבן זיי געטון, דעם אזדווג לפטרונם.**

### קיח

[כי באמת] **ווער קען דאָס נאַך אַזוי גוט** [ווי זיי]**.**

---

דיא כתות [המשכילים] וואָס זיי האבן זיך פאַרלייגט, אבער זיי האבן נאכנישט געהאט אזא גרויסן כח [להיות ׳מושלים׳ בנו]. אבער היינט בעונותינו הרבים גייט עס מיט א שטארקע ממשלה, וביד חזקה. ○ האט מען דען א השגה וויפיל מאות אלפים אידישע קינדער מ׳האט געברענגט צו כפירה מיט דער געוואלד, ווי קאן מען זיך מיט דעם בארואיגן, אוי וויי, ווי קאן א אידיש הארץ לעבן במנוחה, ווי גייט מען דורך דעם יאָר און מ׳לעבט במנוחה. וויאזוי קאן מען זיך טרייסטן. ○ [און] ס׳איז נאך ארגער, ס׳איז [פוגם] אין פנימיות הלב, [אַז] ס׳קען זיין אידן שומרי התורה ומצות זענען נאך נהנה פון דעם.

איך האב מיט דעם געטייטשט ערגעץ נישט לאנג [צוריק] (כאן בס״ג תצא תשכ״ז), ס׳שטייט ביי מלחמת גוג ומגוג, זאגט די גמרא, **למה נסמכה לָמָּה רָגְשׁוּ גוֹיִם צו אַבְשָׁלוֹם׳ן, שאם יאמר לך אדם כלום יש עבד שמורד באדונו**, גוג ומגוג, וועט מען נישט גלייבן, מ׳וועט נישט גלייבן אז עבד מורד באדונו, מ׳וועט עס קאנען שווער די אמונה [בדברי הנביא] ארייננעמען. **האט מען געוויזן אבשלום׳ן, כלום יש בן מודד באביו, אלא הוה, הכי נמי הוה.** פרעגן זיי אלע די קשיא, מ׳זעט ס׳איז דאך געווען נמרוד, און נאך אזאלעכע, וואָס זיי האבן מורד געווען באדונם. מ׳האט ארייגעווארפן אברהם אבינו׳ן אין כבשן האש פאר דער אֱמוּנָה. פלאגן זיי זיך עפעס צו פארענטפערן, שווערע תֵּרוּצִים.

נאר [לדרכינו] דאס איז דער פשט, ס׳שטייט ״עֶבֶד״, אזוי ווי ס׳שטייט אין ייטב פנים, ׳**עֲבָדִים׳ מָשְׁלוּ בָנוּ** מיינט מען צווישן אידן. [און] ס׳שטייט דאך אין זוהר הק׳ – איך ברענג דאך דאָס דארט (בעל הגאולה ועה״ת סימן סא) – **אז די פריצי עמך ישראל וועלן מלחמה האלטן מיטן מלך המשיח, זיי וועלן מיטגיין מיט מלחמת גוג ומגוג** [ללחום] **מיטן מלך המשיח, זיי וועלן זיך מזדווג זיין לפטרונם של ישראל, שטייט אז זיי וועלן לוֹחֵם זיין אקעגן דער אֱמוּנָה.** דאָס איז דער פשט [במה שאמרו נזדווג לפטרונם], אזוי זאגן זיי, איך ברענג דאך עס דארטן באריכות. [וממילא] אז מ׳וועט הערן אזא מאָס [מדה כזו], **אז ׳אידן׳ גייען לוחם זיין אקעגן דער אֱמוּנָה מיטן מלך המשיח, וועט מען שווער קאָנען גלייבן, כלום יש ׳עֶבֶד׳ שמורד באדונו**, מ׳איז דעך דאך אַן ׳עֶבֶד׳, זיי זענען דאך מִזֶּרַע יִשְׂרָאֵל, כִּי לִי בְנֵי יִשְׂרָאֵל עֲבָדִים. – הגם ער זאגט טאקע דער **רשב״א** אז די זענען נישט מִזֶּרַע יִשְׂרָאֵל, זיי זענען פון די וואס אדם הראשון [הוליד] אין די ק״ל שנה, ניטאמאל פון זֶרַע גוֹיִם. און דער **רמב״ם** זאגט אויכעט [על כל פנים] אז זיי זענען מִזֶּרַע הַגּוֹיִם [ולא מזרע ישראל]. אבער היצטערט [מצד גופם] זענען זיי דעך ׳דאך׳ געבוירן ביי אידן, דאָס הִשְׁתַּלְשְׁלוּת [פון] די נְשָׁמוֹת. – זענען זיי דאך נִכְלָל אין דעם כִּי לִי בְנֵי יִשְׂרָאֵל עֲבָדִים, [ואם כן] ווי קען זיין [שיהא עבד] מורד באדוניו, **אויף ׳דעם׳ וועט זיין די קַשְׁיָא זייער גרויס**, [און] איבער דעם ברענגט מען די ראיה **פון אבשלום׳ן** [שהיה מזרע ישראל, ומרד במלכות בית דוד אביו].

**נאר בעוה״ר היינט זעט מען שוין דאָס בְּפוֹעַל, דעם מורדים באדונם ווי ווייט דאָס גייט, בעוה״ר אז מ׳גייט עפנטליך א מרידה אין הקב״ה בפירוש,** [וואָס] **ס׳איז נאכנישט אזוינס געווען מיום הוסדה הארץ. און ס׳געפונט זיך נאך אידן שׁוֹמְרֵי תּוֹרָה וּמִצְוֹת, וואָס זיי גייען מיט זיי מיט, אוֹי נָא לָנוּ אז מ׳האב מיר זיך אזוינס דערלעבט ! ווען אונזערע עלטערן העטן דאָס דערלעבט, העטן זיי עס נישט געקאנט אויסהאַלטן ! נאר בעוה״ר זעמיר נִתְגַּשֵּׁם !** [און] **אפשר איז דאָס אַ חֶסֶד הַבּוֹרֵא** [די התגשמות, כדי] **מ׳זאל עס קאָנען אויסהאַלטן.**

KolSatmar.com

**׳מִכֶּם וּבָכֶם׳ ווי רש״י זאָגט[נז], זיי קוקן אין די מַטְמוֹנִיּוֹת.**

**אַריינקריכן אין דער אֱמוּנָה, דאָס קאָנען נאָר ׳אידן׳** [שהן] **מורדים אין ה׳.**

**אַ גוֹי קען אין דעם נישט אַריינקריכן אַזוי ווייט, זיי קאָנען דאָס נישט טון, ס׳זאָל זיין ׳אַזוי׳ עֶבֶד מוֹרֵד בַּאֲדוֹנוֹ.**

קיט

איבערדעם זאָגט ער [לשון] הֱוָה, אַז דאָס איז געווען. [כי כשיראו הכל את מלחמת גוג ומגוג] וועט מען געוואָר ווערן אַז הֱוָה, [דאָס האָט זיך שוין לאַנג אָנגעהויבן פון פריער].

איבערדעם שטייט אַזאַ לשון.

מיט דעם איז דאָס מוּבָן דעס שטיקל גמרא.

קכ

**ישוב קושיא ח-ט**

מה שאמר במדרש שבעל הטורים הָאַחַת אֲהוּבָה אלו אומות העולם שמראה להם פנים, אין הכוונה שהוא באמת כן, אלא שנדמה ונראה כן לעיני העולם

דאָס קאָן זיין איז דער פְּשָׁט [בדברי המדרש שבבעל הטורים], כִּי תִהְיֶיןָ לְאִישׁ שְׁתֵּי נָשִׁים הָאֲהוּבָה וְהַשְּׂנוּאָה, [אומות העולם וישראל].

הגם [אין] דער בעל הטורים זעען זעט דאָך אויס [במשמעות דבריו, דהכוונה] ווייל ס׳איז אַזוי, ווייל כִּי תִהְיֶינָה לְאִישׁ [וגו׳, אבל לעולם אין הכוונה שהוא באמת כן], נאָר וואָס דען, מ׳וועט [עס אַזוי] אָנקוקן (וכדלעיל באות כה).

אַזוי ווי מ׳זאָגט כָּל עֹשֵׂה רָע טוֹב בְּעֵינֵי ה׳[נח], [אבל אין כן האמת].

מ׳קוקט גאָר אָן [כאילו ס׳איז אַזוי].

קכא

[און] אַסאַך זאָגן דאָך גאָר[נט] אַז ׳די׳ [אלו הרשעים] זענען גאָר בְּנֵי עוֹלָם הַבָּא, [אַזוי] זאָגט מען דאָך גאָר. (עיקר ההמשך, באות קכד)

קכב

– [און] **מ׳קאָן זיין אַזוי פאַרבלענדט,** [אין די צייט וואָס] **דער בורא כל עולמים האָט מַצִּיל געווען אידן** [מן הסכנות שהביאו עליהם הרשעים, באים לומר על הרשעים כאילו הם המצילים, וכי יש] **אַ הוה אמינא בעולם אַז די וואָס זיי ברענגען דעם חֶרֶב לעולם**[מג] [הם הביאו ההצלה].

פאַרקערט, ס׳איז געווען אַ גרויס נֵס [ע״י הקב״ה, אַז] מ׳זאָל מַצִּיל זיין פון זייערע הענט, [לאחר שהם שגרמו סכנה גדולה, הן בפועל, והן בעונותיהם].

**די גרעסטע ׳רוֹצְחִים׳ זענען זיי!**

---

[נז] **ברש״י בחקותי** (כו, יז) [והוא מהתורת כהנים]: **וְרָדוּ בָכֶם שֹׂנְאֵיכֶם. שאיני מעמיד שונאים אלא מִכֶּם וּבָכֶם. שבשעה שאומות העולם עומדים על ישראל, אינם מבקשים אלא מה שבגלוי, שנאמר** (שופטים ו, ג-ד) **וְהָיָה אִם זָרַע יִשְׂרָאֵל וְעָלָה מִדְיָן וַעֲמָלֵק וּבְנֵי קֶדֶם וגו׳ וַיַּחֲנוּ עֲלֵיהֶם וַיַּשְׁחִיתוּ אֶת יְבוּל הָאָרֶץ. אבל בשעה שאעמיד עליכם מִכֶּם וּבָכֶם, הם מחפשים אחר המטמוניות שלכם, וכן הוא אומר** (מיכה ג, ג) **וַאֲשֶׁר אָכְלוּ שְׁאֵר עַמִּי וְעוֹרָם מֵעֲלֵיהֶם הִפְשִׁיטוּ.**

[נח] כדכתיב במלאכי (ב, יז): **הוֹגַעְתֶּם ה׳ בְּדִבְרֵיכֶם וַאֲמַרְתֶּם בַּמָּה הוֹגָעְנוּ, בֶּאֱמָרְכֶם כָּל עֹשֵׂה רָע טוֹב בְּעֵינֵי ה׳ וּבָהֶם הוּא חָפֵץ, אוֹ אַיֵּה אֱלֹקֵי הַמִּשְׁפָּט.**

[נט] שהמחפים על הרשעים היה דרכן לטעון עבורם כי אסור לדבר על ישראל או לשנאותם, כי אף עליהם נאמר (במשנה סנהדרין צ.) כָּל יִשְׂרָאֵל יֵשׁ לָהֶם חֵלֶק לְעוֹלָם הַבָּא, וכדומה. [ובאמת באותה משנה עצמה נאמר כי הכופרים אין להם חלק לעולם הבא עיי״ש]. וכמו שהיה הדרך לחפות על הרשעים האלו וגירוריהם בכמה אופנים.

**זיי האָבן געמאַכט די מִלְחָמָה!**

**זיי האָבן געברענגט דעם חֶרֶב בפועל ממש.**

**דאָס האָט נישט געברויכט צו זיין** [די גאַנצע מלחמה], **בְּשׁוּם אוֹפֶן שֶׁבָּעוֹלָם.**

**איך וויל נישט דאָ מַאֲרִיךְ זיין אין דעם, ס'וועט דאָך שוין אַרויסקומען** [הקונטרס על הגאולה ועל התמורה שכתבתי בענין זה][ס].

קכג

**אויסערדעם** [מלבד מלחמת ששת הימים שהיה זה עתה, הרי] **אַלע צָרוֹת וואָס אידן האָבן מיטגעמאַכט** [בכל אלו השנים האחרונות] **איז דאָך נאָר דורך 'דעם' רַעְיוֹן פון דער הֲקָמַת פון דער מְלוּכָה הַטְמֵאָה.**

**אַלע צָרוֹת וואָס אידן האָבן מיטגעמאַכט.**

**מ'קאָן גאָרנישט אַזויפיל מַאֲרִיךְ זיין, אָבער דאָס איז דְּבָרִים בְּרוּרִים,** [פאַר] **ווער ס'האָט אַביסעלע הִתְבּוֹנְנוּת. –**

קכד

ודברי המדרש קאי על מצב הדור האחרון, שאז ינשאו הרשעי ישראל למשול בעם, וכמבואר בזוהר שעל זה אמר המקונן הָיוּ צָרֶיהָ לְרֹאשׁ, ויהיו הרשעים שבישראל נראים כהמוצלחים והאהובים

**איבערדעם זאָגט דאָס דער מדרש.**

**כִּי תִהְיֶיןָ לְאִישׁ שְׁתֵּי נָשִׁים הָאַחַת אֲהוּבָה, מ'וועט אָנקוקן בְּעִיקְבָא דִּמְשִׁיחָא** [שנראה כאילו מראה להם פנים] (וכדלהלן באות קכו).

קכה

**ס'שטייט אַזוי אין זוהר הקדוש**[סא] **אויך אַרויס,** [שעל זה נאמר] **הָיוּ צָרֶיהָ לְרֹאשׁ** (איכה א, ה), **ווען דאָס עֵרֶב רַב ווערן רָאשִׁים,** [ומבואר שם] **וויאַזוי ס'וועט אויסזען.**

**זאָגט דער זוהר הקדוש אַז זיי זענען גאָר מוֹשְׁלִים,** [ועל זה נאמר] **אֱלֹקִים בְּעָלוּנוּ אֲדוֹנִים זוּלָתֶךָ**[סב] (ישעי' כו, יג)**, זיי זענען די בעלים, ס'איז דאָ אַנדערע בעלים אויף אידן.**

**אַזוי שטייט אַרויס אין זוהר הקדוש.**

---

[ס] שיצא לאור בסוף חודש אלול תשכ"ז. ועיין בסוף הקונטרס (סוף סימן קכה) שחותם רבינו בזה"ל: סיימתי ב' דר"ח אלול חודש הרחמים, לסדר לְמַעַן תִּחְיֶה וְיָרַשְׁתָּ אֶת הָאָרֶץ וגו' (פרשת שופטים).

[סא] **בזוהר הק'** (פנחס דף רלז:)**: וְלָא עוֹד, אֶלָּא כַּד עֵרֶב רַב מְעוֹרָבִין אִינּוּן בְּיִשְׂרָאֵל, מַה כְּתִיב, הָיוּ צָרֶיהָ לְרֹאשׁ וכו'. וְלָא עוֹד, אֶלָּא כַּד בְּנֵי יִשְׂרָאֵל בְּגָלוּתָא, עֲלַיְיהוּ אִתְּמַר** (ברכות יז.) **מִי מְעַכֵּב שְׂאוֹר שֶׁבָּעִסָּה, וְהָא אוֹקְמוּהָ מָארֵי מַתְנִיתִין, בִּזְמְנָא דְּעֵרֶב רַב אִינּוּן רָאשִׁים עַל יִשְׂרָאֵל, כִּבְיָכוֹל כְּאִילּוּ עָבְרִין שׁוֹלְטָנוּ בְּקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא** (ס"א עבדין שולטנו דקוב"ה)**, וְיֵיעֲלוּן בְּמִשְׁפְּטֵי כֹּכְבַיָּא וּמַזָּלֵי, וּבְגִין דָּא צַוְוחִין וְאָמְרִין** (ישעי' כו, יג) **ה' אֱלֹקֵינוּ בְּעָלוּנוּ אֲדוֹנִים זוּלָתֶךָ.**

**ועיין עוד שם** (בפרשתן דף רעט:)**: גָּלוּתָא רְבִיעָאָה, תְּהוֹם רַבָּה וכו', וְאִתְקְרֵי בּוֹר וכו', דְּאִתְּמַר בֵּיהּ** (וישב לז, כד) **וַיַּשְׁלִיכוּ אוֹתוֹ הַבֹּוֹרָה וכו', וְהַבּוֹר רֵק** (שם)**, דְּבוֹרָא רֵק בְּלָא תּוֹרָה, אֲבָל נְחָשִׁים וְעַקְרַבִּים יֵשׁ בּוֹ** (שבת כב.)**. וְדָא גָּלוּתָא רְבִיעָאָה, דּוֹר דִּרְשָׁעִים מָלֵא נְחָשִׁים וְעַקְרַבִּים, רַמָּאִים כִּנְחָשִׁים וְעַקְרַבִּים, דְּעַקְרִין מִלֵּי דְּרַבָּנָן וְדַיְינִין לְשַׁקְרָא, עֲלַיְיהוּ אִתְּמַר הָיוּ צָרֶיהָ לְרֹאשׁ. וַיִּפֶן כֹּה וָכֹה וַיַּרְא כִּי אֵין אִישׁ** (שמות ב, יב) **דְּיִשְׂרָאֵל, בְּאִלֵּין רַשִׁיעַיָּא עֵרֶב רַב, וְדָא בְּסוֹף גָּלוּתָא, וּבְגִין דָּא קֵץ דְּפוּרְקָנָא נוֹקֵב עַד הַתְּהוֹם רַבָּה וכו'.**

**ובתיקוני זוהר** (דף נב.)**: בִּזְמְנָא דְּגָלוּתָא, כָּל מְמַנָּן דְּאוּמִין דְּעָלְמָא וְעֵרֶב רַב אִתְּמַר בְּהוֹן הָיוּ צָרֶיהָ לְרֹאשׁ אוֹיְבֶיהָ שָׁלוּ, 'צָרֶיהָ' וַדַּאי אִינּוּן עֵרֶב רַב, עֲלַיְיהוּ אִתְּמַר** (ישעי' א, כג) **שָׂרַיִךְ סוֹרְרִים וְחַבְרֵי גַּנָּבִים כֻּלּוֹ אוֹהֵב שֹׁחַד וגו', 'אוֹיְבֶיהָ שָׁלוּ' אִלֵּין עֵשָׂו וְיִשְׁמָעֵאל וְשַׁבְעִין מְמַנָּן, דְּאִינּוּן כֻּלְּהוּ בְּשַׁלְוָה בְּעוּתְרָא, וְיִשְׂרָאֵל בְּדוֹחֲקָא בַּעֲנִיּוּתָא, וּבְגִין דָּא וַי לְעָלְמָא כַּד אִתְבַּלְעוּ בְּעַרְבוּבְיָא בִּישָׁא וכו'.**

[סב] **ועיין עוד בזה בזוהר הק' שמות** (דף ט).

**וְייתוּן** [בְּמִשְׁפְּטֵי כֹּכְבַיָּא וּמַזָּלֵי], **זיי וועלן גרויס ווערן עַל יְדֵי כֹּכְבַיָּא וּמַזָּלַיָּא, דורך די מַזָּלוֹת.**

**אַזוי שטייט אַרויס אין זוהר הקדוש,** [אַז] **אַזוי וועט עס אויסזען.**

**ער זאָגט בְּפֵירוּשׁ אַזוי אַרויס.**

קכו

וזהו שדרשו בפסוק כִּי תִהְיֶיןָ לְאִישׁ 'שְׁתֵּי נָשִׁים', הם ב' סוגי אנשים שמזרע ישראל, הָאַחַת אֲהוּבָה אלו אומות העולם, הם הרשעי ישראל ששורש נשמתם מהאומות והמזיקין, ומצד גופם נולדו מישראל, ולכן העולם מחשיבים אותם כבני ישראל, והם נראים כאילו הם אהובים, כי דרך רשעם צלחה. וְהָאַחַת שְׂנוּאָה, הם היראים והחרדים, שומרי תורה ומצות ההולכים בדרך ישראל סבא, שהם נראים כשנואים ומבוזים

**איבערדעם וועט עס 'אויסזען' אֲהוּבָה.**

[ומה שאמר הָאַחַת אֲהוּבָה אלו] **'אומות העולם', מיינט ער טאַקע דאָס עֵרֶב רַב** ['שבישראל', דהגם שבגופם נולדו מזרע ישראל, אבל מצד נשמתם הם משורש האומות והערב רב, ולא משורש ישראל, וכמבואר בזוהר ובדברי הרמב"ם][סג].

קכז

[ועל זה נאמר] **כִּי תִהְיֶיןָ לְאִישׁ 'שְׁתֵּי נָשִׁים', מ'וועט אָנקוקן 'וואָס איז דאָס'?** [און] **אפילו איינער וועט שוין זאָגן אַז אידן זענען אויך עפּעס,** [ערליכע] **אידן שומרי תורה ומצות, אָבער ס'איז שְׁתֵּי נָשִׁים,** [זיי זענען אויך 'אידן', ולא עוד אלא שרשעי ישראל מהערב רב] **'די' זענען אֲהוּבִים, און 'די' זענען שְׂנוּאִים** [האוחזים בדרך ישראל סבא. וח"ו יחשבו ויאמרו כי] **דער בורא כל עולמים האָט 'די' ליב.**

קכח

**וואָרן אַלע ערליכע אידן וואָס זענען 'נישט' געגאַנגען דעם דֶּרֶךְ** [של האפיקורסים] **וועט מען גאָר זאָגן** [אַז] **זיי זענען גאָר שְׂנוּאִים בְּעֵינֵי הַמָּקוֹם.**

– **אַזוי וועט אויסזען** [דער מצב הדור]. –

**און די וואָס זיי שטאַמען פונעם עֵרֶב רַב און זענען פון די אוּמּוֹת הָעוֹלָם, – און זיי זענען גאָר גְּרוּעִים פון די אוּמּוֹת הָעוֹלָם,** [שהם] **פון די נְשָׁמוֹת פון די מַזִּיקִים, אַזוי ווי דער רשב"א זאָגט אין די תשובה, און אַזוי ווי ס'שטייט אין זוהר הקדוש,** – [אויף זיי וועט מען זאָגן] **אַז די זענען די אֲהוּבִים לפני המקום.**

[ועל כל פנים] **וועט מען אָנקוקן דאָס איז עפּעס צוויי ערליי** [אידן].

קכט

**אפילו ווער ס'זאָגט** [שגם היראים הם מכלל ישראל].

– [כי בעוה"ר נמצאים כהיום] **דער וואָס ער איז מַכְחִישׁ** [די ערליכע אידן], **ס'איז דאָ אַזעלעכע וואָס זענען אינגאַנצן מַכְחִישׁ** [את היראים, והם אומרים על הרשעים מהערב רב] **אַז 'נאָר די' זענען** [ישראל], **און** [די יראים] **דאָס איז גאָרנישט, שׁוֹמְרֵי תּוֹרָה וּמִצְוֹת זענען שוין גאָרנישט, ס'איז דאָ אַזעלעכע** [אויך. נאָר] **פון דעם שמועסט מען נישט,** [כאָטש בעונינו הרבים ס'איז רוּבָּא דרוּבָּא אַזוי פון דער וועלט** [אצל אומות העולם, והרשעי ישראל, שחושבים כן]. –

---

[סג] ויש מהם שהם אף לא מזרע האומות רק מהשדין ורוחין, וכדברי הזוהר (כמבואר באור החמה הנזכר, בכוונת דברי הזוהר) ותשובת הרשב"א.

נאָר אפילו די וואָס זיי הייסן שוין **שׁוֹמְרֵי הַדָּת, שׁוֹמְרֵי תּוֹרָה וּמִצְוֹת,** [אָבער על כל פנים] מאַכן זיי דערפון צוויי, ס׳איז אויך אַזאַ מין אידן [שגם על הרשעים אומרים שהם בכלל ישראל].

ס׳איז [דאָ] **׳נאַציאָנאַלע׳ אידן** [שהם ׳לאומיים׳], און [היראים] **דאָס איז ׳אַזעלעכע׳** [אידן, שהם שומרים תורה מצות].

### קל

[איבערדעם] **זאָגט ער, כִּי תִהְיֶיןָ לְאִישׁ** [שְׁתֵּי נָשִׁים], **ס׳וועט ווערן אַ וועלט אַז מ׳וועט אָנקוקן** [כאילו] **הקדוש ברוך הוא האָט שוין צוויי ערליי גאָר, שְׁתֵּי נָשִׁים, הָאַחַת** [וגו׳], **און ׳די׳ זענען די אֲהוּבִים בעונינו הרבים, און די זענען די שְׂנוּאִים.**

**דאָס קען זיין איז דער מְכֻוָּן פון דעם מדרש וואָס דער בעל הטורים ברענגט.**

### קלא

**אמנם וְהָיָה בְּיוֹם הַנְחִילוֹ אֶת בָּנָיו יוּכַל לְבַכֵּר אֶת בֶּן הָאֲהוּבָה וגו׳, אז יתגלה האמת כי רק השומרי תורה ומצות הם בניו של מקום, והאהובים בעיני המקום**

[ועל זה מסיים הכתוב והמדרש]:

**אָבער בְּיוֹם הַנְחִילוֹ אֶת בָּנָיו, לעתיד** [לבא] **ווען מ׳וועט זוכה זיין** [צו קומען] **אֶל הַמְּנוּחָה וְאֶל ׳הַנַּחֲלָה׳[סד], לֹא יוּכַל לְבַכֵּר אֶת בֶּן הָאֲהוּבָה, כִּי אֶת הַבְּכֹר בֶּן הַשְּׂנוּאָה יַכִּיר.**

### קלב

**הקדמה לישוב קושיא ח (באופן ב)**

**בביאור הפסוק: וַיַּרְא ה׳ כִּי שְׂנוּאָה לֵאָה**

**מ׳קאָן נאָך צוגעבן** [להוסיף ביאור] **וואָס הייסט שְׂנוּאִים און אֲהוּבִים.** [דהכוונה על אותן שהם שנואים או אהובים בעיני ׳העולם׳].

### קלג

**בגמרא דרשו וַיַּרְא ה׳ כִּי שְׂנוּאָה לֵאָה, מאי שנואה, אילימא שנואה ממש, אפשר בגנות בהמה טמאה לא דיבר הכתוב, בגנות צדיקים דיבר הכתוב, אלא ראה הקב״ה ששנואין מעשה עשו בפניה**

[ויבואר על דרך וואָס] **איך האָב שוין געזאָגט אַסאַך מאָל[סה],** [אויף דעם וואָס] **ס׳שטייט וַיַּרְא ה׳ כִּי שְׂנוּאָה לֵאָה, פרעגט די גמרא[סו], הקדוש ברוך הוא זאָגט נישט בגנות פון קיינעם, זאָל מען אויף לאה׳ן זאָגן שְׂנוּאָה, ס׳איז דאָך אַ דבר גנות. אלא שֶׁשְּׂנוּאִים**

---

[סד] לשון הפסוק בפרשת ראה (יב, ט). ועיי״ש ברש״י כי נחלה זו ירושלים, וקאי על בנין בית המקדש.

[סה] **בס״ג מטות מסעי תשכ״ב, כי תצא תשכ״א, ותשכ״ו, ועוד. ועיין מזה גם במסיבה א׳ ויצא תשכ״ח.**

[סו] **בגמרא בבא בתרא** (קכג.): **דכתיב** (ויצא כט, יז) **וְעֵינֵי לֵאָה רַכּוֹת, מאי רכות, אילימא רכות ממש, אפשר בגנות בהמה טמאה לא דיבר הכתוב, דכתיב** (נח ז, ח) **מִן הַבְּהֵמָה הַטְּהוֹרָה וּמִן הַבְּהֵמָה אֲשֶׁר אֵינֶנָּה טְהֹרָה, בגנות צדיקים דיבר הכתוב, אלא אמר רבי אלעזר שמתנותיה ארוכות. רב אמר לעולם רכות ממש, ולא גנאי הוא לה אלא שבח הוא לה, שהיתה שומעת על פרשת דרכים בני אדם שהיו אומרים, שני בנים יש לה לרבקה, שתי בנות יש לו ללבן, גדולה לגדול וקטנה לקטן, והיתה יושבת על פרשת דרכים ומשאלת גדול מה מעשיו, איש רע הוא, מלסטם בריות, קטן מה מעשיו, איש תם יושב אוהלים, והיתה בוכה עד שנשרו ריסי עיניה. ○ והיינו דכתיב** (ויצא שם, לא) **וַיַּרְא ה׳ כִּי שְׂנוּאָה לֵאָה, מאי שנואה, אילימא שנואה ממש, אפשר בגנות בהמה טמאה לא דיבר הכתוב, בגנות צדיקים דיבר הכתוב, אלא ראה הקב״ה ששנואין מעשה עשו בפניה, וַיִּפְתַּח אֶת רַחְמָהּ** (שם).

KolSatmar.com

מַעֲשֵׂה עֵשָׂו בְּעֵינֶיהָ, זי האָט פיינט געהאַט עֵשָׂו, זי האָט נישט געוואָלט גיין צו עֵשָׂו'ן.

**קלד**

ולכאורה לפי פשוטו שפיר מיירי הכתוב שהיא עצמה היתה שנואה, ואכתי יוקשה קושית הגמרא וכי דיבר הכתוב בגנותה

[ולכאורה אכתי קשה, דהלא] אין פסוק שטייט דעך דאָך כִּי שְׂנוּאָה לֵאָה, ס'שטייט נישט שְׂנוּאִים מַעֲשֵׂה עֵשָׂו. [און] ס'איז שווער אַרויסצונעמען פונעם פְּשַׁט, [שהרי] אֵין מקרא יוצא מידי פשוטו (שבת סג.).

**קלה**

וביארתי כוונת תירוץ הגמרא, דלפי פשוטו יתפרש הכתוב כדברי המדרש שפירשו שהיתה שנואה בעיני העולם. אמנם הסיבה לזה שהיו הכל שונאין אותה, הוא יען שהיתה צדיקת והיו שנואים מעשה עשו בעיניה, וכדרשת הגמרא. ואם סיבת שנואתה הוא עבור כך, אָז שוב אין בזה שום גנות ובזיון, רק כבוד ושבח, ונמצא דאדרבה סיפר הכתוב בשבחה ולא בגנותה

האָב איך שוין דאָס לאַנג געזאָגט.

[ווייל] לעולם צווישן די פְּשָׁטִים [אויף] שְׂנוּאָה, ער וויל דאָך נישט זאָגן [שהיתה שנואה] ביי יעקב אבינו חלילה, [שהרי] ער האָט נישט געהאַט קיין בְּנֵי שְׂנוּאָה[סז], [נאָר] ס'איז דאָ פְּשָׁטִים פאַרשידענע, [און] אין מדרש זעט אויס[סח] אַז ווייל זי איז געווען שְׂנוּאָה בְּעֵינֵי הָעוֹלָם, מ'האָט אויף איר גערעדט און מ'האָט געזאָגט אַז זי איז נישט אַזוי [אַ צדיקת כמו שנראית].

**קלו**

נו פאַרוואָס האָבן 'די' גערעדט אויף איר.

ממה נפשך, האָט מען דען נישט געזען דאָס צִדְקוּת [של לאה, און] די קְדוֹשָׁה וְטַהֲרָה [שלה]?

נאָר וואָס דען, 'ווייל' ס'איז געווען שְׂנוּאִים מַעֲשֵׂה עֵשָׂו [בעיניה, און] די וואָס זיי האָבן פיינט מַעֲשֵׂה עֵשָׂו, איז די וועלט עפּעס נוֹטֶה, זוכט מען אויף זיי פּעֶלער'ס.

**קלז**

[ונמצא] איז די גאַנצע שִׂנְאָה [בעיני העולם] געווען פאַר דעם, [לפי ששנואים מעשה עשו בעיניה], און אַז די שִׂנְאָה איז פאַר דעם ווייל ס'איז שְׂנוּאִים מַעֲשֵׂה עֵשָׂו [בעיניה], דעס איז נישט קיין בִּזָּיוֹן [וגנות, רק אדרבה שבח הוא לה, שהרי] דאָס 'זוכט' דער בורא כל עולמים.

---

[סז] שהוא אחד מבני תשע מדות, שמבואר בגמרא נדרים (כ:) שעליהם נאמר (יחזקאל כ, לח) וּבָרוֹתִי מִכֶּם הַמֹּרְדִים וְהַפּוֹשְׁעִים.

[סח] בבראשית רבה (עא, ב): הה"ד וַיַּרְא ה' כִּי שְׂנוּאָה לֵאָה, שעשתה כמעשה השנואים, שהיתה אומרת להנשא לשונא, שכך היו התנאים שיהא גדול נושא לגדולה והקטן נושא לקטנה, והיתה בוכה ואומרת יהי רצון שלא אפול בחלקו של רשע. אמר רב הונא קשה היא התפלה, שביטלה את הגזירה, ולא עוד אלא שקדמה לאחותה. והיו הכל סונטין בה, מפרשי יַמִּים היו סונטין בה, מהלכי דרכים היו סונטין בה, אף הגתיות מאחורי הקורים היו סונטין בה, והיו אומרים לאה זו אין סִתְרָהּ כְּגִלּוּיָהּ, נראה צדיקת ואינה צדיקת, אילו היתה צדיקת לא היתה מרמה באחותה וכו'.

ומפרש ביפה תואר שם: ואומרו בסמוך והכל היו סונטין בה, הוא פירוש אחר על שְׂנוּאָה לֵאָה, שהיתה שנואה בעיני הכל וכו', ולכן פָּקְדָהּ ה' תחלה, להראות לעולם שהיא צדקנית. ואל תתמה שלא אמר 'דבר אחר' בכל אחד מהפירושים השונים, שכן דרך המדרש פעמים רבות.

KolSatmar.com

קלח

אַזוי ווי דער **רמב"ם זאָגט**[סט] [על אברהם, כי] **אברהם אבינו האָט סובל געווען כל הבזיונות, כל החירופין וגידופין, ווייל ער האָט פיינט געהאַט די עבודה זרה.**

[און אויף דעם] **זאָגט דער רמב"ם וכן הוא בדין** [לעשות לכבודו ית'].

[אַזוי] **זאָגט דער רמב"ם אין ספר המורה, זאָגט ער אויף אברהם אבינו.**

קלט

**איבערדעם זאָגט ער** [בגמרא, דמקשה וכי אפשר לפרש כי] **דאָס איז דען אַ בזיון, ענטפערט די גמרא ניין, דער שְׂנוּאָה איז טאַקע טייטש שנואה** [כפשוטו, והיינו בעיני העולם], **נאָר אָבער זאָגט ער, אָבער ווייל ס'איז געווען שְׂנוּאִים מַעֲשֵׂה עֵשָׂו בְּעֵינֶיהָ,** [אין בזה דבר גנות, ווייל] **אַז ס'שטאַמט פון דאָרטן** [די שנאה] **איז דעס נישט קיין בזיון.**

קמ

[וכן מצינו שאמר הכתוב] **יְחֶזְקֵאל בֶּן 'בּוּזִי'** (יחזקאל א, ג), [ואיתא **במדרש**[ע] כי יחזקאל] **האָט אויך געהייסן** [בן בוזי, פאַרדעם] **ווייל מ'האָט אים פיינט געהאַט, ווייל ער האָט געזאָגט** [לפרוש מעבודה זרה].

**דאָס איז נישט קיין 'בִּזָּיוֹן', אַז 'דאָס' איז די סיבה** [על מה שביזו אותו העולם].

קמא

**ישוב קושיא ח (באופן ב)**

ועל דרך זה יתפרש לדרכינו בלשון הכתוב הָאַחַת אֲהוּבָה, אלו הרשעי ישראל כדלעיל, שלפי המצב שבעיבא דמשיחא הם אהובים 'בעיני העולם', וְהָאַחַת שְׂנוּאָה הם היראים שהם שנואים 'בעיני העולם', וכמו שאמרו בגמרא דבעיקבא דמשיחא יראי חטא ימאסו וסר מרע משתולל על הבריות. וכל זה הוא רק באותן ששנואים מעשה עֵשָׂו בעיניהם, והיינו מעשה הרשעי ישראל שעושים כמעשה עשו

**דאָס קאָן זיין איז דער פְּשַׁט טאַקע** [גם בפרשתן]. **דער שְׂנוּאָה מיט אֲהוּבָה איז אויך דאָס** [ששנואים או אהובים 'בעיני העולם'].

---

[סט] **בספר המורה** (ח"ג פרק כט) בענין מלחמת אברהם עם העובדי עבודה זרה, כתב בתוך הדברים וז"ל: **ואין ספק אצלי, שהוא עליו השלום, כאשר חָלַק על דעת בני אדם כולם, שהיו מקלקלים ומגנים ומבזים אותו התועים ההם.** וכאשר סבל הכל בעבור האלוק - **וכן הדין לעשות לכבודו** - נאמר לו (לך יב, ג) וַאֲבָרְכָה מְבָרְכֶיךָ וּמְקַלֶּלְךָ אָאֹר, וְנִבְרְכוּ בְךָ כֹּל מִשְׁפְּחֹת הָאֲדָמָה. והיה אחרית ענינו, מה שנראהו היום, מֵהַסְכִּים רוב אנשי העולם להגדילו ולהתברך בו, עד שיתייחס אליו מי שאינו מזרעו וכו'.

ועיין **בהקדמת ויואל משה** (עמוד יב) שהביא רבינו דברי הרמב"ם אלו, ועל זה כתב וז"ל: ויש להבין לכאורה, מאחר שכבר סיפר שכן עשה אברהם אבינו ע"ה, שסבל הכל בעבור ה', הנה ודאי כל מה שעשה אברהם אבינו ע"ה היה הכל כדין וכהלכה, ולמה הוצרך לומר אחר כך שכן הדין לעשות, וכי יעלה על הדעת שאברהם אבינו ע"ה עשה ח"ו שלא כדין. ○ וצריך לומר, לפי שאפשר לחשוב שמה שעשה אברהם אבינו ע"ה כך, עשה זאת ממדת חסידות, שהרי חסיד ופרוש מותר לו למסור נפשו על המצות אף במקום שאין חיוב מצד הדין למסור נפשו. ולכן דייק שפיר ואמר שֶׁמַה שעשה עשה על פי הדין, **שכן הדין לעשות לכבודו, ולא מצד מדת חסידות. ולפי זה כיון שהוא מצד הדין, אם כן כל אדם מחויב לעשות כן, ואין להתחשב כלל לְמַה שיאמרו הבריות, אם הדבר נוגע לכבודו יתברך שמו, ולכבוד תורתו הקדושה.**

[ע] **בילקוט שמעוני** (יחזקאל רמז שלו): **יחזקאל בן בוזי הכהן. שהיו מבזים אותו כו'.** כתוב ברמז רנ"ז.

ושם בילקוט שמעוני (ירמי' רמז רנז): **פנחס**, אַתְּ מוצא בשעה שבא לייחס את ישראל, אמרו לו אַתְּ בא ליחסנו, אלעזר למי היה נשוי, לא לבתו של פוטיאל, לא כך כתיב (וארא ו, כה) וְאֶלְעָזָר בֶּן אַהֲרֹן לָקַח לוֹ מִבְּנוֹת פּוּטִיאֵל, וכיון שראה הקב"ה שהם מזלזלים בו, התחיל לייחסו פִּינְחָס בֶּן אֶלְעָזָר בֶּן אַהֲרֹן הַכֹּהֵן, כהן בן כהן, קנאי בן קנאי. ○ **אוריה** היו ישראל מזלזלים אחריו ואומרים לא גבעוני הוא וכו', הוצרך הכתוב ליחסו (ישעי' ח, ב) וְאָעִידָה לִּי עֵדִים נֶאֱמָנִים אֵת אוּרִיָּה הַכֹּהֵן וגו'. ○ **ויחזקאל היו ישראל מזלזלים אחריו** ואומרים לא מבני בניה של רחב הזונה הוא, הוצרך הכתוב לייחסו, הָיֹה הָיָה דְבַר ה' אֶל יְחֶזְקֵאל בֶּן בּוּזִי הַכֹּהֵן. ○ **ירמיה** היו מזלזלים אחריו ואומרים לא מבני בניה של רחב הזונה הוא, וצריך הכתוב ליחסו, דִּבְרֵי יִרְמְיָהוּ בֶּן חִלְקִיָּהוּ (ירמי' א, א).

KolSatmar.com

קמב

**שְׁתֵּי נָשִׁים הָאַחַת אֲהוּבָה** [היינו אהובה 'בעיני העולם'], **'די וועלט' האָט דאָס ליב.**

[און דעס וואָס דער בעל הטורים] **ער זאָגט צי** [לפרש] **שמראה להם פנים,** [הכוונה בזה] **וואָרן דער בורא כל עולמים לאָזט צי די סטרא אחרא - דער ס"מ - זאָל שׂוֹלֵט זיין בְּעִיקְבָא דִמְשִׁיחָא,** [אבל בעצם הכוונה באומרו האהובה, כי] **'די' וועלן זיין די אֲהוּבִים אויף דער וועלט, 'די וועלט' האָט ליב עפּעס אַזאַ מין מאָדע.**

קמג

**וְהָאַחַת שְׂנוּאָה,** [הוא על דרך שאמרו] **יִרְאֵי חֵטְא יִמָּאֲסוּ, אַזוי ווי ס'שטייט**[עא]**. סָר מֵרָע מִשְׁתּוֹלֵל עַל הַבְּרִיּוֹת.**

**איבערדעם איז וְהָאַחַת שְׂנוּאָה, 'דעס מין' זענען געוואָרן שְׂנוּאִים בְּעֵינֵי הָעוֹלָם.**

קמד

ועל זה אמר הכתוב שכן הוא רק עד שיבא משיח, אבל וְהָיָה בְּיוֹם הַנְחִילוֹ אֶת בָּנָיו, כשיבא משיח צדקנו ויבואו אל המנוחה ואל הנחלה, אז לא יוכל לבכר לֹא יוּכַל לְבַכֵּר אֶת בֶּן הָאֲהוּבָה וגו', כִּי אֶת הַבְּכֹר בֶּן הַשְּׂנוּאָה יַכִּיר לָתֶת לוֹ פִּי שְׁנַיִם וגו'. ואז יראו הכל כי רק קיום התורה והמצות, והאמונה האמיתית הוא שורש ההצלחה והקיום, וזולת זה הכל כלא נחשב. והרשעים לא יועיל להם שם טענה של ירושה, וכל שכן של בכורה

**אַזוי וועט עס זיין,** [נאָר] **ביז מָשִׁיחַ וועט קומען.**

[אָבער ווען מָשִׁיחַ וועט קומען, על זה מסיים הכתוב] **וְהָיָה בְּיוֹם הַנְחִילוֹ אֶת בָּנָיו,** [ווען] **דער בורא כל עולמים וועט העלפן מ'וועט קומען אֶל הַמְּנוּחָה וְאֶל הַנַּחֲלָה, לֹא יוּכַל לְבַכֵּר** [אֶת בֶּן הָאֲהוּבָה וגו'] **כִּי אֶת הַבְּכֹר בֶּן הַשְּׂנוּאָה יַכִּיר לָתֶת לוֹ פִּי שְׁנַיִם, כִּי הוּא רֵאשִׁית אֹנוֹ, לוֹ 'מִשְׁפַּט הַבְּכֹרָה' פּירט ער אויס.**

**נישט אַזוי ווי יִשְׁמָעֵאל טַעֲנֶה'ט בְּכוֹרָה**[עב]**,** [און] **'דער' טַעֲנֶה'ט בְּכוֹרָה** [עֵשָׂו, או הרשעי ישראל].

**דאָס איז אַלעס 'נישט'.**

[רק] **ס'וועט זיך אַרויסשטעלן** [דער אֱמֶת], **אַז נאָר דער קִיּוּם הַתּוֹרָה וְהַמִּצְוֹת, און די אֱמוּנָה הָאֲמִתִּית, דעס איז דער שׂוֹרֶשׁ פון אַלדינגס!**

**ווען דער בורא כל עולמים וועט העלפן** [בביאת משיח צדקינו].

קמה

[נאָר] **די וואָס זענען** (בהזה) [און די] **וואָס זיי וועלן זיין** (בעתיד) **ביי דער בחינה אַז ס'זאָל זיין שְׂנוּאִים מַעֲשֵׂה עֵשָׂו** [בעיניהם, דהיינו מה שעושין הרשעי ישראל כהיום, וואָס] **דאָס איז דער רעכטער מַעֲשֵׂה עֵשָׂו,** [אותם יכיר הקב"ה לתת לו פי שנים בכל אשר ימצא לו].

**ממילא איז דאָס אַקעגן דיביידע טַעֲנוֹת**[עג]**, אַקעגן דעם אַלעמען.**

---

[עא] בגמרא סנהדרין (צז.): תניא רבי יהודה אומר, דור שבן דוד בא בו וכו', חכמת הסופרים תסרח, ויראי חטא ימאסו וכו', והאמת נעדרת, שנאמר (ישעי' נט, טו) וַתְּהִי הָאֱמֶת נֶעְדֶּרֶת וְסָר מֵרָע מִשְׁתּוֹלֵל וכו'. מאי וְסָר מֵרָע מִשְׁתּוֹלֵל, אמרי דבי רבי שילא כל מי שסר מרע משתולל על הבריות. - ופירש רש"י: משתולל על הבריות. כל העולם אומרין עליו שוטה הוא, היינו מִשְׁתּוֹלֵל, לשון שטות, כמו מוֹלִיךְ יוֹעֲצִים שׁוֹלָל (איוב יב, יז).

[עב] עיין להלן בהערה עג.

[עג] הן טענת בכורה שמגיע לו פי שנים, והן טענת ירושה בכלל. וכמו שהאריך רבינו לעיל בהדרוש (בהקדמת קושיא יד-טז, שיודפס אי"ה בחלק ג' של הקונטרס) מדברי הגמרא סנהדרין (צא.) והבראשית רבה (סא, ז) שכן טענו בני ישמעאל בימי אלכסנדרס מוקדון. וכל שכן שיש מקום לרשעים מזרע ישראל לטעון כן, אבל לא יקבלו טענתם, וכרמוז כאן בהפסוקים.

KolSatmar.com

קמו

# ישוב הקושיות בפרשת בֵּן סוֹרֵר וּמוֹרֶה

ביאור תחלת דברי הגמרא בסנהדרין

לאָמיר זען.

וועל מיר צוקומען [צום ענין פון] דוד המלך [בביאור הגמרא בסנהדרין].

קמז

במהרש״א מפרש דמה שאמרו ביקש דוד לעבוד עבודה זרה, הכוונה שביקש לצאת מארץ ישראל לחוץ לארץ, שעל זה אמרו דהוא כאילו עובד עבודה זרה

לעולם דער מהרש״א זאָגט דאָך[עד] אַז ביקש לעבוד עבודה זרה [מיינט אַז] ער האָט געוואָלט אַרויס [גיין] קיין חוץ לארץ, [ווי] ס'שטייט דאָך (כתובות קי:) [אַז] היוצא לחוץ לארץ כאילו עובד עבודה זרה.

קמח

ובזה ביארתי מה שאמר לו חושי הארכי מלך 'שכמותך' יעבוד עבודה זרה, דקשה וכי על מלך שאינו כמותו לא יוקשה כן

נאָר דאָס האָב איך שוין לאַנג געזאָגט אַמאָל, [לבאר] וואָס האָט ער געזאָגט [חושי הארכי] מלך 'שכמותך' יעבוד עבודה זרה, און אַז מ'איז נישט 'אַזאַ מלך' ווי דוד המלך, מעג מען יאָ דינען די עבודה זרה? וואָס הייסט עפּעס מלך 'שכמותך'.

קמט

אמנם הכוונה דהנה מה שאמרו היוצא מארץ ישראל לחוץ לארץ הוא כאילו עובד ע״ז, הוא רק כשיש בארץ ישראל מלכות וממשלה על פי התורה, ובחוץ לארץ הוא ממשלת עבודה זרה

האָב איך געזאָגט [אַז] דער פְּשַׁט קען זיין אַזוי. [ווייל] דער מהרש״א זאָגט דאָך ער האָט געוואָלט אַרויס אויף חוּץ לָאָרֶץ, און ס'שטייט דאָך אין זוהר הקדוש אַז דאָס חשיבות פון אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל איז דאָ [נאָר] ווען ס'איז דאָ [דאָרט] אַ מַלְכוּת דִקְדוּשָׁה.

ביי יְרוּשָׁלַיִם זאָגט ער [עס, כִּי] לֹא חָפֵץ בָּעִיר - אין זוהר פרשת ויקהל[עה] - דער בורא כל עולמים האָט נישט בּוֹחֵר געווען אין יְרוּשָׁלַיִם ביז ווילאַנג ער האָט נישט געוואוסט אַז דָּוִד הַמֶּלֶךְ איז דער מֶלֶךְ. [אבל כן הוא גם לענין כללות אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל][עו].

[ולכן מה שאמרו דהיוצא מארץ ישראל הוא כאילו עובד עבודה זרה, זהו רק כשיש שם בארץ ישראל מלכות של קדושה, ובחוץ לארץ שולט מלכות העובדי עבודה זרה. שאז משנעשו עבדים לעובדיהם, הוי כאילו נעשו עבדים להם][עז].

---

[עד] במהרש״א סנהדרין (קז.): [ביקש דוד] לעבוד עבודת כוכבים כו'. רצה לומר [במה שאמר] שביקש לעבוד עבודת כוכבים, דהיינו לילך ולברוח מפני בנו מארץ ישראל לחוץ לארץ, דהוה ליה כעובד עבודת כוכבים, כמו שאמר דוד בהיותו בורח מפני שאול, שאמר (שמואל א' כו, יט) כִּי גֵרְשׁוּנִי הַיּוֹם מֵהִסְתַּפֵּחַ בְּנַחֲלַת ה', כדאיתא בסוף כתובות (קי:). ○ ואמר לו חושי מלך שכמותך כו', אף שכבר היית בורח מפני שאול לחוץ לארץ, שלא היית עדיין מלך, ומפני פקוח נפש שלא יהרגך שאול, אבל אתה מלך שכמותך כו'. ואמר לו מלך שכמותי יהרגנו בנו, מוטב שאברח לחוץ לארץ דהוי כעובד עבודת כוכבים, ואל יתחלל שם שמים בפרהסיא. ואמר לו מאי טעמא נסבת יפת תואר ויצאת כבר בשבילה לחוץ לארץ, וזה הביאך לכך לצאת עוד לחוץ לארץ, ועבירה גוררת עבירה. וא״ל יפת תואר רחמנא שרייא לישא אותה, ואמרינן דמותר לצאת מארץ ישראל לחוץ לארץ כדי ללמוד תורה ולישא אשה. ואמר לו לא דרשת סמוכין כו', ואם כן משום לישא יפת תואר וודאי דלא הותר לצאת מארץ ישראל לחוץ לארץ, אלא משום מצוה להלחם על אויביך.

[עה] בזוהר הק' ויקהל (דף קצח.). וכבר הביא זה רבינו בס״ג ראה תשכ״ז (לשון קדשו רמח ח״ב, אות צד), ושם העתקנו לשון הזוהר בזה.

[עו] וכמו שהזכיר רבינו בס״ג ראה הנזכר.

KolSatmar.com

קנ

ולזה אמר לו מלך ׳שכמותך׳, שבזמן שאתה הוא המלך והכל מתנהג בקדושה, תחשוב לברוח לחוץ לארץ מפני אבשלום בנך, שאז הרי הוא נחשב כאילו עובד עבודה זרה

**היצט איז אַזוי.**

**ווען ס׳העט נישט גיווען געוועזן דוד המלך דאָרטן מֶלֶךְ, העט מען נישט געוועזן קיין עובד עבודה זרה אַז מ׳גייט קיין חוּץ לָאָרֶץ.**

**איבערדעם האָט ער געזאָגט מלך ׳שכמותך׳, אַז ס׳איז דאָ אַ מלך שכמותך,** [ווען] **דו ביסט מֶלֶךְ אין יְרוּשָׁלַיִם און אין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל,** [והכל מתנהג בדרך הקדושה]**, נו יעבוד עבודה זרה? וועסטו אַרויסגיין קיין חוץ לארץ? דעמאָלטס אין אַזאַ צייט ווען ס׳איז אַ מלך שכמותך, דעמאָלטס טויג דאָס נישט.**

קנא

ועל זה השיב לו שרוצה לצאת לשם, כדי שלא יהיה חילול ה׳ אם יהרגנו בנו

**האָט ער געענטפערט אויף דעם, ס׳איז אָבער אַ חילול השם, מלך שכמותי** [יהרגנו **בנו**][עח]**.**

קנב

ישוב קושיא י – סוף דברי הגמרא בסנהדרין

ועל זה אמר לו חושי הארכי שהיה לו לדרוש סמוכין, שע״י יפת תואר נולד בן סורר ומורה

**האָט ער אים געענטפערט פאַרוואָס האָסטו גענומען אַ יְפַת תּוֹאַר.**

**האָט ער אים געזאָגט די תורה הקדושה האָט דאָך עס מתיר געווען, ממילא האָט עס געבערענגט אַ תַּכְלִית** [בהעלאת ובירור ניצוצי הקדושה][עט]**.**

[האָט ער אים געזאָגט] **האָסט נישט גע׳דַרְשֶׁ׳נט קיין סְמוּכִין.**

קנג

והכוונה בזה לדרכינו, כי באם היה דורש סמוכין בכאן, והיה דורש גם בתהלים סמיכות מעשה דאבשלום לגוג ומגוג, אז היה מבין כי אין בזה חילול ה׳ רק תועלת גדול שלא יבואו להכחיש בדברי נבואתו של דוד שהתנבא כי יִתְיַצְּבוּ מַלְכֵי אֶרֶץ ׳וְרוֹזְנִים׳ נוֹסְדוּ יָחַד עַל ה׳ וְעַל מְשִׁיחוֹ, שגם רשעי ישראל ישתתפו במרידת גוג ומגוג

**היצט איז אַזוי** [פְּשַׁט]**.**

[ווייל] **ווען ער דַרְשֶׁ׳נט סְמוּכִין אַז דורך אַ יְפַת תּוֹאַר קומט אַ בֵּן סוֹרֵר וּמוֹרֶה, העט ער דאָך גיווען גע׳דַרְשֶׁ׳נט** [סמוכין גם בתהלים, וכמו שדרשו בגמרא דברכות למה נסמכה פרשת אַבְשָׁלוֹם לגוג ומגוג, שאם יאמר לך אדם כלום יש עבד שמורד ברבו וכו׳]**.**

**דאָס תְּהִלִּים׳ל איז דאָך אויך געווען בלויז רוּחַ הַקֹּדֶשׁ.**

**האָט עס דען דוד המלך אַליין געזאָגט? דער כֹּחַ הַנְּבוּאָה האָט אים דאָס געהייסן זאָגן. און ער אַליין האָט געדאַרפט דַרְשֶׁ׳נען סְמוּכִין טאַקע אין זיינע דִּבּוּרִים** [פאַרוואָס] **דער רוּחַ הַקּוֹדֶשׁ האָט אים אַזוי אַראָפּגעגעבן מיט דעם סֵדֶר.**

---

[עז] וכמו שהאריך רבינו בביאור ענין זה בכ״מ, ועיין בזה באורך **בויואל משה** (מאמר א, סימן ה-ו. ומאמר ב, סימן כז כח פו), ואכמ״ל.

[עח] ולדרכינו אתי שפיר התירוץ הזה, כי חילול ה׳ באמת חמור יותר מיציאה לחוץ לארץ. משא״כ לפי פשוטו היה קשה, דהלא גם אם יעבוד עבודה זרה אין לך חילול ה׳ גדול מזה, ולכן עבודה זרה הוא ביהרג ואל יעבר. אלא שרש״י נדחק לחלק בין חילול ה׳ בפרהסיא לבצנעא, אבל אכתי דחוק דהא צריכין למסור נפשו עבור עבודה זרה אפילו בצנעא (לדעת כמה ראשונים דפסקינן כן), ומנא ליה לעשות חשבון זה. אבל לדרכינו ניחא הכל.

[עט] וכמבואר ענין יְפַת תּוֹאַר בדברי האר״י הק׳, והאור החיים הק׳, וכמו שהאריך רבינו בזה לעיל בהדרוש (ויודפס אי״ה בחלק ב׳ של הקונטרס).

KolSatmar.com

קנד

[וזה שאמר לו חוּשַׁי הָאַרְכִּי] אַז דו וועסט דַרְשֶׁ׳נען סְמוּכִין, וועסטו זען אַז דעס וואָס ס׳איז יהרוג [אותו] בנו, דעס וואָס ער וויל דיך הַרְגֶ׳נען, דעס וועט אַריינברענגען אֱמוּנָה [בדברי הנביאים, אַז] מ׳וועט גלייבן אין מִלְחֶמֶת גּוֹג וּמָגוֹג, אַז ס׳איז פאַרהאַנדן [אַז] ׳אידן׳ זאָלן אַזוינס טון, אַזוי ווי כ׳האָב פריער געזאָגט.

[דעס וועט ברענגען] אַז מ׳זאָל גלייבן, [און] מ׳וועט נישט זאָגן כלום יש עֶבֶד, ווי קאָן גאָר זיין, [און] מ׳וועט זיך אויסמאָלן, מ׳וועט מיינען אַז מ׳רעדט עפּעס [שלא כהוגן], אַז מ׳האָט נישט קיין ׳אַהֲבַת יִשְׂרָאֵל׳ חלילה, אַז מ׳זאָגט אַזוינס [שהרשעים מזרע ישראל הם המתייצבים עַל ה׳ וְעַל מְשִׁיחוֹ, וילחמו נגד מלך המשיח. אַז מ׳זאָגט אויס דעם אֱמֶת אַז] ׳די׳ זענען זיי!

קנה

דאָס איז אַמאָל דְּבָרִים בְּרוּרִים כַּשֶּׁמֶשׁ!
נישטאָ פון וואָס צו רעדן.
הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵנוּ, מ׳דאַרף אַנטלויפן [און זיך] מְרַחֵק [זיין] מֵהֶם וּמֵהֲמוֹנָם!
׳די׳ וועלן לוֹחֵם זיין אַקעגן אונז אַלע, [און] אַקעגן מֶלֶךְ הַמָּשִׁיחַ!
׳די׳ חיילים!

קנו

האָט ער אים געזאָגט [די תועלת פון] די מעשה פון אַבְשָׁלוֹם׳ן.

דו האָסט מורא פאַר אַ חילול השם, [איז] פאַרקערט, אדרבה לעומת זה [יֵצֵא מזה קידוש השם, ווייל] פון דעם וועט מען זיך אַראָפּלערנען און מ׳וועט גלייבן אין מלחמת גוג ומגוג, און מ׳וועט זיך וויסן צו היטן אַז ס׳איז פאַרהאַנדן אַזוינס, מ׳זאָל וויסן עַד הֵיכָן הַדְּבָרִים מַגִּיעִים, [און] וואָס ס׳איז טייטש [דער] יִתְיַצְּבוּ מַלְכֵי אֶרֶץ ׳וְרוֹזְנִים׳ נוֹסְדוּ יָחַד.

קנז

דאָס האָט אים חוּשַׁי הָאַרְכִּי געענטפערט.

ווען ער האָט געזאָגט מלך שכמותי [יהרגנו בנו], האָט ער געזאָגט זאָלסט דַרְשֶׁ׳נען סמוכים, אין דעם איז כולל ביידע [סמוכין, הן בפרשתן והן בתהלים].

אַז דו וועסט דַרְשֶׁ׳נען דאָ סְמוּכִים [בפרשת יְפַת תּוֹאַר], וועסטו דַרְשֶׁ׳נען דאָרט אויך סמוכים [בתהלים].

און דו וועסט וויסן [אויך] אַז דאָס שטאַמט פון [לקיחת] יְפַת תּוֹאַר, כאָטשיג [ס׳איז התירה התורה, אָבער זאָלסטו וויסן אָבער אַלץ [אַז] אף על פי כן איז עס דאָך אַ דבר מזוהם, און ס׳קומט אויס [דערפון אַזאַ זאַך].

ס׳האָט [טאַקע] אַזוי געמוזט זיין, מסתמא האָט ער עפּעס אויפגעטון מיט דעם, ער האָט דאָך אַרויסגעברענגט אַ ניצוץ הקדוש[ע״ט]. אָבער ס׳קומט ׳דאָך׳ אַרויס, פון אַ יְפַת תּוֹאַר איז ׳דאָך׳ אַרויסגעקומען אַ בֵּן סוֹרֵר וּמוֹרֶה, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט אַזוי, ווי דער דְּרַשׁ פון די סמוכים זאָגן.

KolSatmar.com

קמה

## המשך ישוב הקושיות בפסוק כִּי תִהְיֶיןָ לְאִישׁ

### ישוב קושיא ז

לפי פשוטו יוקשה מה צורך לכל הקדמה זו שהאחת אהובה והאחת שנואה, והיה סגי שיאמר הכתוב דין נחלת פי שנים בבכור, ולכן דרשינן מינה כל אלו הדרשות, דמלבד ההלכה דנוטל פי שנים, דרשינן מהכא הך הלכה דקדושין תופסין בחייבי לאוין, וגם מה שדרשו באגדה שאם נשא יפת תואר סופה לשנאותה

[ולײשב קושיא ז נראה לומר, דהנה לכאורה קשה] **וואָס איז דער פְּשַׁט** [בהקדמה זו שאמר הכתוב] **כִּי תִהְיֶיןָ לְאִישׁ שְׁתֵּי נָשִׁים, לעולם** [אויף] **דאָס גאַנצע** [הקדמה] **פרעגן זיי דאָך די קַשְׁיָא,** דער עיקר [איז אַז] דער פסוק קומט דאָך דאָ צו ווייזן אַ הֲלָכָה, אַז ס'נוצט נישט [קיין חילוק בין אהובה לשנואה], **מ'טאָר נישט מאַכן קיין בְּכוֹר** [למי שאינו בכור, לענין נחלת פי שנים. ורק בתורת] **אַ מַתָּנָה קען מען געבן** [כפי שירצה הָאָב], **זאָגט דאָך די גמרא אין בבא בתרא**[פ]**. אָבער אַז מ'זאָגט אָבער** [בתורת] **בכורה איז מען אַ מַתְּנֶה על מה שכתוב בתורה.**

[ואם כן] **פאַרוואָס דאַרף מען דערציילן אַ מעשה מיט אַ אֲהוּבָה און מיט אַ שְׂנוּאָה,** [כשיש לו] **שְׁתֵּי נָשִׁים.** [והיה ראוי שיאמר] **סְתָּם צווישן צוויי קינדער,** [אַז] **ס'וועט דיר פאַרגלוסטן דו וועסט וועלן איינעם מאַכן פאַר אַ בְּכוֹר** [ווייל] **דו וועסט אים ליבער האָבן, צי** [וועגן] **ליבער האָבן, צי נישט פאַרדעם,** [סײ] **וואָס אַ סיבה דו וועסט האָבן, יהיה איך שיהיה,** [זאָגט די תורה] **לֹא יוּכַל לְבַכֵּר, דו קאָנסט נישט,** [אַז] **דו וועסט האָבן אַ בְּכוֹר און דו וועסט זאָגן אויף אַן אַנדערן.**

**וואָס דאַרף מען די גאַנצע הַקְדָּמָה מיט די צוויי ווייבער, מיט אֲהוּבָה און מיט אַ שְׂנוּאָה, וואָס איז דאָס די גאַנצע הַקְדָּמָה לכאורה איז דאָך אינגאַנצן איבעריג, וואָס פעלט עס אויס צו דער הֲלָכָה.**

קמו

**נאָר זעט אויס, די תורה הקדושה שטעלט אַריין אַלעס, דברי תורה כְּפַטִּישׁ יפוצץ סלע** (ירמי' כג, כט)**, די אַלע דְרָשׁוֹת.**

**הֵן די הֲלָכָה פון לֹא יוּכַל לְבַכֵּר,** [ואומרו האחת שנואה] **דאָס מוז איך טייטשן אַזוי ווי די גמרא זאָגט שְׂנוּאָה בְּנִשּׂוּאֶיהָ,** [ללמד שקידושין תופסין בחייבי לאוין].

[און] **עקסטערדעם, דער פסוק קומט אויס אויף דעם, ער איז דאָ מרמז דאָס ענין** [פון] **שִׂנְאָה, אַז דאָס ברענגט איינס דעם אַנדערע** [שאם לקח יפת תואר סופו לשנאותה]**, אַזוי ווי רש"י זאָגט.**

**און** [הן] **אַזוי ווי דער מדרש וואָס דער בעל הטורים ברענגט, כִּי תִהְיֶיןָ לְאִישׁ שְׁתֵּי נָשִׁים** [אלו אומות העולם וישראל, וכמו שביארנו פירושו].

---

[פ] **בגמרא בבא בתרא** (קכו:). – **וכבר הזכיר רבינו זה לעיל בהדרוש** (בהקדמה לישוב קושיא יד-טז, שיודפס אי"ה בחלק ג' של הקונטרס).

KolSatmar.com

קנה

## ברכת הקודש

דער בורא כל עולמים זאָל העלפן אַז מ׳זאָל זיך האָבן אין די הענט, וּנְתָנוֹ ה׳ אֱלֹקֶיךָ בְּיָדֶךָ. מ׳זאָל ׳זיך אַליין׳ האָבן אין די הענט, מ׳זאָל נישט אַריינגעכאַפּט ווערן בעונינו הרבים פון [דעם] זֶרֶם הָעוֹלָם.

הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יְרַחֵם, [ער] זאָל אויפהייבן אידישע הערצער, מ׳זאָל מיר זוֹכֶה זיין אין די יְמֵי אֱלוּל - פאַר די הייליגע טעג - ס׳זאָל שוין זיין דער בְּיוֹם הַנְחִילוֹ אֶת בָּנָיו, ווי דער מדרש זאָגט[פא] [דקאי על לעתיד לבא, ווען] מ׳וועט קומען אֶל הַמְּנוּחָה וְאֶל הַנַּחֲלָה, וואָס ס׳וועט זיין לעתיד.

מ׳האָב מיר נאָך די געציילטע טעג, ביז צו די הייליגע טעג. [ווען] מ׳וועט נאָכאַמאָל דַן זיין אויפן כְּלַל יִשְׂרָאֵל, און אויפן פְּרָטִיוּת.

מ׳זאָל שוין געהאָלפן ווערן במהרה, אַרויסגיין פון דעם חַשְׁכוּת.

מַה נֹּאמַר וּמַה נְּדַבֵּר, אֵין לָנוּ עַל מַה לְהִשָּׁעֵן אֶלָּא עַל אָבִינוּ שֶׁבַּשָּׁמַיִם.

דער בורא כל עולמים זאָל העלפן מ׳זאָל מיר נאָך זוֹכֶה זיין צו טון תְּשׁוּבָה שְׁלֵימָה, אין די פּאָר טאָג ביז צו די הייליגע טעג.

מ׳זאָל מיר זוֹכֶה זיין אין די הייליגע טעג, מ׳זאָל דָבוּק זיין אין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

מ׳זאָל מיר זיך אויסבעטן אַ שְׁנַת גְּאוּלָה וִישׁוּעָה, אַ שְׁנַת רַחֲמִים וְרָצוֹן, פאַרן כְּלַל יִשְׂרָאֵל, און פאַרן פְּרָטִיוּת.

מ׳זאָל מיר נִיצוֹל ווערן מִכָּל צָרָה וְצוּקָה, בְּכָל מְקוֹמוֹת מוֹשְׁבוֹתֵיהֶם.

בִּמְהֵרָה זאָל מיר געהאָלפן ווערן מיט אַ יְשׁוּעָה אֲמִתִּית, בְּהִתְרוֹמְמוּת קֶרֶן הַתּוֹרָה וְיִשְׂרָאֵל, וּבְהִתְגַלּוּת כְּבוֹד שָׁמַיִם עָלֵינוּ, בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן.

---

[פא] במדרש הנזכר המובא בבעל הטורים. וכדלעיל בלשון רבינו באות קמד.

KolSatmar.com